NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13215

# IN BAHELTENISH

Ber Orshanski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. אָרשאַנסקי

# אין באַהעלטעניש

דערציילונגען פאַר קינדער



1930 | צענטרפאַרלאַג | 1930

I 12672

ב. אָרשאַנסקי

# אין באַהעלטעניש

## דערציילונגען פאַר קינדער

צענטראַלער פעלקער פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
1930 מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק 1930

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| | זײַט |
| דאָס טרייפענע געזינדל | 3 |
| א מײַסע מיט א פעקל | 46 |
| דער ערשטער פאָרשלאָג (אן עפיזאָד פון אמאליקע שווערע צײַטן) | 61 |



Главлит № А-61634 Заказ № 523 Тираж 4000

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовая набережная, 10

# דאָס טרייפענע געזינדל

## 1

## „שלוימע דער טינטער"

אַ שמאָל געסל איז דאָס געווען מיט הויכע-הויכע מויערן, אַזוי, אַז די זון איז אַהין קיינמאָל צו גאַסט ניט אַריינגעקומען.

איז דאָרט געווען טונקל, נאַס און וואַמדיק.

געוווינט האָבן דאָרט, אין דעם שמאָל געסל לויטער אָרעמעלייט, אַלע פאַרבוישעכטע און שמוציקע, אַזוי ווי דאָס געסעלע אַליין.

אָבער אין הויף איז דאָרט געווען גאָר אַ מאָדנער. אַזוי ווי אַ גרויסער קאַסטן איז ער געווען, אַ פינצטערער און דומפּיקער. און אַזעלכע שמאָלע, פאַרדרייטע ווינקעלעך איז דאָרט געווען, וואָס אַזוי גיך קען מען זיי ניט אָפּזוכן און מע דאַרף האָבן אַ גרויסע געניטקייט אין הויף, מע זאָל אַהינצו טרעפן.

איז אָט, פון איינעם פון אַזעלכע ווינקעלעך פלעגט זיך גאַנץ אָפט, קימאַט אַלע טאָג און קימאַט אין איין און דערזעלבער שעה באַווייזן....

„שלוימע דער טינטער".

אַזוי האָבן אים גערופן די עלטערע מענטשן אויפן הויף. ווי האָבן אים זייער ניט ליב געהאַט, די עלטערע מענטשן פון הויף. שלוימע האָט מיט זיי קיין מאַגעמאַסע ניט געהאַט,

ער האָט געלאַכט פֿון זייער ווילדער פֿרומקייט. ער פֿלעגט זיי אָפּן שווער ניט אַרויפֿלאָזן.

בלויז צוויי אַרבעטער האָבן געהאַט די זכיה צו אים אַרײַנ-צוקומען. איינער, גאָר אַ יונגער, אַ יאָר עטלעכע און צוואַנ-ציק, אַ בלאָנדער באָבערל מיט גרויסע לעבעדיקע בלאָע אויגן. ער איז געווען אַ מעכאַניקער, און שלוימע פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַרײַנקומען צו זײַן מאַמען און מיט אַ הײזעריקלעכער שטים זאָגן:

— אײַער נאָבעמקע איז ניטאָ? שוין ווידער עפּעס מיט מײַן קעסל ניט גלאַט. עפּשער וועט ער הײַנט אַרײַנקומען און אונדז צו מיר?

און ניט דערוואַרטנדיק קיין ענטפֿער פֿון איר, פֿלעגט ער אַזוי שטיל אַרויסגיין פֿון שטוב, ווי שטיל ער פֿלעגט אַרײַנ-גיין.

נאָר אומבאַמערקט פֿאַר דער מוטער פֿלעגט אין קעשענע פֿון נאָבעמקעס רעקל, וואָס הענגט שטענדיק אָפּן פּריטולקע פֿון טיר, בלײַבן ליגן אַ קליין בריוועלע.

און נאָך דעם בריוועלע פֿלעגט שוין נאָבעמקע פֿאַרפֿאַלן ווערן אַף עטלעכע טעג. און קיינער פֿלעגט ניט וויסן ווו ער ווערט דאָס פֿאַרפֿאַלן.

נאָבעמקעס מוטער איז געווען די ערשטע צײַט זייער אומרויק. זי פֿלעגט אַרומגיין אַלע שכיינים און פֿלעגט זיך נאָכפֿרעגן אַף נאָבעמקען. נאָר צו שלוימען פֿלעגט זי ניט גיין. זי האָט איינמאָל פֿון אים געהאַט אַ שלעכטן אָפּשניט, ווײַל דעם ערשטן מאָל, ווען זי איז אַרײַן צו שלוימען פֿרעגן אַף נאָבעמקען, איז שלוימע אַף איר אָנגעפֿאַלן און האָט זי קוים ווי אַרויסגעטריבן.

— וואָס קריכט איר, ווו מע בעט אײַך ניט... אײַער נאָ-בעמקע איז אַפֿילו ניט געקומען פֿאַרריכטן דעם קעסל... גייט-גייט...

און נאך אן ארבעטער פלעגט אריינגיין צו שלוימען. דאס איז שוין געווען אן עלטערער מענטש, מיט א געדיכטער אבער קורצער בארד. געהייסן האט ער זעליק, אבער אפן הויף פלעגט מען אים רופן „דעם טינטערס ווייב", ווייל זעליק פלעגט גאנץ עפט אף גאנצע טעג פארפאלן ווערן בא „שלוימע דעם טינטער"...

אויסער די צוויי ארבעטער פלעגט קיינער ניט אריינקומען צו „שלוימע דעם טינטער". מע האט אים ניט ליב געהאט און מע האט אביסל פאר אים מורע געהאט: ער פלעגט אלעמען אפבריען, ווי מיט וואר.

שלוימע האט זיך ניט לאנג באזעצט אין דעמדאזיקן הויף און האט געלעבט דערפון, וואס ער פלעגט מאכן טינט...

איינציקער האט קיינער ניט געזען, ווי ער מאכט דעם טינט. ער פלעגט אין זיין „פאבריק" קיינעם ניט ארייינלאזן. „איר ווילט אויסקוקן און אפנעמען בא מיר די פארנאסע"...— אזוי פלעגט ער זאגן. נאר געוווסט האבן אלע, אז ער מאכט־טינט.

ווייל... קימאט אלע טאג און קימאט אין איינער און דערזעלבער שא פלעגט זיך שלוימע באווייזן מיט א גרויסער קארב אף די פלייצעס, א קארב, וואס איז מיט א בארג גע־ווען אנגעפאקט מיט פלעשער טינט.

אפאנעם, אז ער פלעגט דאס טראגן די אויסגעארבעטע טינט.

אזוי האט דער גאנצער הויף געזאגט.־

דערוווסט האט מען זיך, אז ער מאכט טינט, פון זעליקן, פון „שלוימעס ווייב".

ער האט דאס אט דעמדאזיקן קלאנג פארשפרייט.

— א קלוגער ייד, אט דער שלוימע... ער האט אויסגע־טראכט אזא מין סארט טינט, וואס אים קאסט קימאט גאר־נישט... און אלץ פון זיך אליין, בא קיינעם גארנישט געלערנט.

איינמאל, א אינדערפרי, איז געגאנגען א רעגן און דער גאנצער הויף איז געווען פוסט. האט זיך אפן הויף געוויזן א באבער מיט דינגע, אויסגעצאצקעטע וואנצעס, האט ארום-געקוקט דעם הויף, האט עפעס א שטיק געטאן, האט זיך א דריי געטאן אין עטלעכע ווינקעלעך און איז ערגעץ אין הויף נעלעם געווארן.

עס איז גראד געווען די צייט, ווען „שלוימע דער מינטער" גייט ארויס מיט זיין גרויסער קארב אנגעפאקט פול מיט מינט. דאסמאל, ווי געוויינלעך, איז ער אויך ארויס פון זיין פאר-שטעקט ווינקעלע. ער איז זיך געגאנגען אזוי לאנגזאם, שטארק-איינגעבויגן אונטער זיין שווערער מאסע. ער האט שוין געהאלטן בא דעם לעצטן קער צום טויער, ערשט מיט-אמאל האט זיך געוויזן דאס באבערל, איבערגעדעקט מיט א קאפישאן אזוי, אז מע האט געקענט זען נאר זיינע דינע אויסגעצאצקעטע וואנצעלעך.

דער קאפישאן (אזוי וועלן מיר דערווייל רופן דעם בא-בערל) האט זיך איינגעטעקעט מיט די אויגן אין שלוימקעס רוקן, האט זיך, ווי א שלאנג, אויסגעדרייט, ווי ער וואלט וועלן אנפאלן אף שלוימען פון הינטן. און אזוי, אן אויסגעדרייטער, איז ער נאכגעגאנגען הינטן נאך שלוימען ביז ביידע זיינען נעלעם געווארן פון הויף.

נאר מיט א מינוט פריער האט זיך האסטיק געעפנט א שמאל פענצטערל פון דריטן שטאק. און עס האט זיך באוויזן נאכעמקעס בלאס פאנים. ער האט אנגעשטרענגט געקוקט אף דעם קאפישאן און, ווי נאר יענער איז פארשוואונדן פון הויף, האט ער פלינק פארמאכט דעם פענצטער און אין א מינוט ארום איז ער פייל אויס בויגן ארויסגעלאפן פון קארי-דאר און איז נעלעם געווארן פון הויף.

ס'איז געוואָרן נאָך שטילער אויפן הויף, אַקוראַט ווי די לופט אַליין וואָלט דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט... ס'איז געוואָרן שטילער און אומרויקער.

באַלד האָט זיך פון נאָך אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע באַוויזן וואליק. ער איז, קענטיק, געווען אַביסל אומרויק, זיין קורץ געדיכט בערדל האָט זיך אַנגעצאַפּלט און איז געוואָרן מאָדנע באַוועגלעך... ער האָט אַ הוסט געטאָן, האָט אומרויק אַ פיין געטאָן דעם בערד און איז אויך באַלד נעלם געוואָרן פון הויף.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שניידנדיקער געשריי, ווי עמעצער וואָלט זיך פּלוצים שרעקלעך איבערגעשראָקן.

און אַלע פענצטער האָבן זיך באַוויזן צעשראָקן-פרעגנדיקע פּנימער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ לויפעריי פון אַלע פאַרוואָרפענע קאָרידאָרן און עס האָט אַ שאָט געטאָן אַ שוואַל נייגעריק-צעפּישעטע מענטשן.

און גאַס איז געוואָרן טומלדיק.

אויפן טראָטואַר, אין דער האַלב-בלאָטיקער קאַנאַווע מיט אַ צעלעכערטן קאָפּ איז געלעגן „דער קאַפּישאַן".

2

## זיבן וויאָרסט הינטערן שטאָט

די זיצונג איז געווען באַשטימט אויף צוועלף בייטאָג און זיבן וויאָרסט הינטערן שטאָט.

דאָס איז געווען דער אָרט פון די שטרענג-געהיימע זיצונגען.

דאָס מאָל, ניט געקוקט דערויף, וואָס פאַרשיידענע מענטשן האָבן געדאַרפט קומען פון פאַרשיידענע ערטער און זייער קאָנספּיראַציע, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט צו דער צייט. —

דער וואַלד איז געווען אַ געדיכטער. אין דער אָרט, ווו

די זיצונג איז פאַרגעקומען, און געווען אויסגעקליבן אַף אַ בערגל אַזוי, אַז מע האָט לייכט געקאָנט זען, ווער עס גייט פונדערווייטן.

דאָס מאָל איז די זיצונג געווען אַן אומרויקע.

„דער אַלטער“ — אַזוי האָט געהייסן דער סעקרעטאַר פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע — איז געווען בלאַס. ער האָט צו אָפט געווישט די גלעזער פון זיינע דיקע ברילן, איז אומרויק אַרומגעגאַנגען אַרום דעם בערגל און האָט גאַנץ אָפט מיט אַ פלינקן צופּ געריסן איינציקווייז האָר פון זיין קורץ בלאָנד בערדל.

— עס הויבן זיך אָן גאָר שווערע צייטן פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. ווער ווייס, צי וועלן מיר אַדורכקריכן. אַלנ-פאַלס דאַרפן מיר אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען. — אַזוי האָט געזאָגט „דער אַלטער“ צום כ׳ יאָסעק. יאָסעק האָט אויך אַ אומרויקער געקוקט אַף די שפּיצן פון זיינע פאַרשטויבטע קאַמאַשן און האָט געהאַלטן ווייט פאַרשטעקט די הענט אין די קעשענעס.

— נו, עפן די זיצונג, נאָר אָן פּאַניק. מיר וועלן זיך נאָך אַ פּרוּוו טאָן.

— ניט פון פּאַניק גייט דאָ די ריד. מע דאַרף איבערבויען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע. דער „פרילינג“ פאַר אונדזער אָרגאַ-ניזאַציע איז פאַריבער און אַף לאַנג, ביז אַ סאָציאַלער רע-וואָלוציע.

אינגאַנצן זיינען אַף דער זיצונג געווען פינף כאַווירים.

דער אַלטער האָט אַ הוסט געטאָן און האָט זיך אָנגע-שפּאַרט אָן אַ בוים. ער האָט געקוקט ערגעץ אין דערווייט און, קענטיק, ער האָט געטראַכט, ווי זאָל ער אָנהייבן.

— איז אַט, האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן, היינטיקע וואָך זיינען בא אונדז געווען עטלעכע דורכפאַלן.... לויט אייניקע יעדיעס, וואָס מיר האָבן געקראָגן, מוז אַפּאַנעם בא אונדז,

אין אונדזערע רייען, ערגעץ וויין א פּראָװאָקאַטאָר. דער סקלאַד פֿון ליטעראַטור, וואָס בײַ אונדז איז געווען לעבן וואָקזאַל, איז הורבגעפֿאַלן. גאַנץ צופֿעליק איז ניט געווען אַרעסטירט דער כ׳ בלינדערמאַן, וואָס האָט די דירע געהאַלטן: ער איז גראָד געווען אַוועקגעפֿאָרן אויף עטלעכע טעג, און מיר האָבן צו דערצייט געמעלדעט אים וועגן דעם הורבפֿאַל.

— וועמען האָט בלינדערמאַן געזאָגט, אַז ער פֿאָרט אַוועק, האָט וועליק אַ פֿרעג געטאָן?

— איך האָב געוווּסט, האָט געזאָגט „דער אַלטער". בײַ אים איז דער שווער קראַנק געוואָרן און גאָר פּלוצים.

— און ווו איז געווען די פֿרוי מיט דעם קינד?

— זי איז שוין לאַנג בײַ אירע עלטערן.

— ווי אַזוי פֿונדעסטוועגן איז די דאָזיקע דירע הורבגעפֿאַלן פֿאַרשטיי איך ניט. אַהינצו גייט קיין מאָל קיינער ניט אַריין. איינמאָל אין כוידעש קום איך אַריין אַהינצו, האָט יויסעף געזאָגט...

— שווער צו זאָגן.

מע האָט געדאַרפֿט דערמאָנען אײַנעם גוט אויספֿאָרשן. בלינדערמאַן האָט געמאָגט ניט פֿאָרן צום שווער, ווען ער זיצט אויף אַזאַ דירע.

—די לעצטע צייט איז ער ביכלאַל שטאַרק אַפּגעלאָזן... איך האָב אים לענגער באַגעגנט אָביסל אויסגעטרונקען.

— ווי?!

„דער אַלטער" האָט אַ קוק געטאָן אויף וועליקן.

— אַ שיקערן? דאָס איז שוין גאָר ניט פֿיין. מע דאַרף דעם אײַנעם גוט אויספֿאָרשן. נו, גוט... ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און איז נאָכדעם איבער צו די פֿראַגן פֿון דער זיצונג.

—עס גייען גרויסע טעג, האָט ער אָנגעהויבן. מיר האָבן גאָר איצטיגן אַ קאָנפֿערענץ פֿון דער יוגנט... עס גרייט זיך

אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די אייזנבאַנער... ווי איר זעט איז דאָס גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן. אונדזער דרוקעריי ווערט מוזן אָן אַרבעט טאָן.

— די דרוקעריי איז גרייט... נאָר ווער ווייס, צי וועלן די אַלגעמיינע דורכפאַלן ניט ווירקן אַף דער עקזיסטענץ פון דער דרוקעריי.

— די דרוקעריי דאַרף מען היטן, ווי די אויגן אין קאָפּ.

— זי שטעקט אָבער ווי אַ ביין אין האַלדז דער גאַנצער זשוואַלגיבע *. פינף אָבלענאַלע אָרגאַנען גייען אַרום זייער רעגולער, מיר פאַרשיטן די שטאָט מיט פּראָקלאַמאַציעס.

— היינט האָט געטראָפן ניט קיין אומאָנגענעמע מייסע... איך האָב מורע, אַז נאָבעמקע האָט זיך אַביסל צופיל צו־קאָכט.

— וואָס?

— ער האָט מיט אַ שטיין געלעכערט דעם קאָפּ עפּעס אַ פּאָדלעבטיקן פאַרשוין, וואָס איז געגייען אַפן הויף, ווען שלוימע איז פון דאָרט אַרויס.

— ווי?!

„דער אַלטער“ האָט אומרויק אַ קוק געטאָן אַף וועליקן. אַ ווײַלע איז געווען שטיל... אַ קאַלטער ווינטעלע האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַהער און אַלעמענס פּנימער זײַנען עפּעס מיטאַמאָל, ווי בלאַס־בלאָ געוואָרן.

— יאָ, אונדז שטייען פאַר זייער שווערע צייטן. מיר מוזן אַלע באַלד אַריבערגיין אַף אַ שטרענג-אומלעגאַלן לעבן. מיר האָבן זיך אַביסל די לעצטע צייט אָפּגעלאָזן. באַלד מוזן אַלע האָבן נייע פּעסער און נייע דירעס. מע מוז גלייך אָנהייבן צו טראַכטן וועגן אַ נייער דרוקעריי.

— אָן אָנהייב איז שוין דאָ, האָט יוסעף געענטפערט. אַ קליין „אַמעריקאַנקע“ אַרבעט שוין.

* זשוואַלגיבע—אַף ליטוויש און אַבראַנקע.

— ייִסעף דאַרף באַלד בײַטן אַלע יאַזוקעס און אַלע פּאַ־רעלן. אַ וואָך צײַט זאָל זיך קײנער ניט ווײַזן אויף די גאַסן.

— און וואָס וועט זײַן מיט דער דרוקערײַ?

— וואָס װײניקער אַהינצו איצטיין. זאָל מען פֿון דאָרט אויך אַ וואָך צײַט ניט אַרויסגיין.

— נאָכקע טאָר מער אַהינצו ניט אַרײַנגיין. נאָכקע מוז פֿאַרלאָזן די שטאָט. עס קען ניט זײַן, אַז עמעצער פֿון הויף זאָל אים ניט באַמערקן און ניט אַרויסגעבן.

— דאָס וועט ניט העלפֿן, אויב מע וועט שוין, אַז פֿון יענעם הויף האָט אים וועד עס איז געטײַמעסט, וועט מען שוין דעם הויף אַלצײַנס ניט לאָזן צורו. און נאָכקע איז ווײַער אַ ניטיקער מענטש אין דרוקערײַ.

— אַ ייִנגל קען!

— ער איז ניט שולדיק, דער פֿאַרשיין איז אַוועק איצטו נאָך שלוימען. מע האָט גענומען אַפּרײַניקן שלוימען דעם וועג.

— מע דאַרף באַלד בײַטן דעם טרעף־פּונקט פֿון דרוקערײַ. יענע דירה איז אַפֿאַנגס שוין פֿאַרדעכטיק. מע מוז גלײַך אײַנ־שטעלן די נײַע דרוקערײַ.

עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען די זיצונג האָט זיך פֿאַרענדיקט. און פֿאַרלויף פֿון איין נאַכט האָט מען גענומען אָנגעפֿאַנגען איבערבײַטן די טעכניק. ייִסעף איז אַ גאַנצע נאַכט געווען פֿאַרנומען. פֿון איין גאַס אין דער צווייטער — און אַלץ אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון שטאָט, פֿון איין עק אין דעם צווייטן איז ער אומגעלאָפֿן און האָט פֿאַראָרדנט און אײַנגעאָרדנט.

אַ מידער, אײַנגעגנצן אַ נאַסער איז ער געקומען אַהיים.

אַרויפֿגײענדיק אויפֿן הויף האָט ער דערזען, אַז בײַ אים אין צימער איז ליכטיק.

— ווער קען דאס זיין? אזוי שפעט! ער האט זיך שטילינקערהייט גענומען גאַנווענען צום פענצטער. אבער באלד האט ער א טראכט געטאן:

ווען עס וואלט געווען די זשוואלגיבע, וואלט שוין דער הויף געווען א געפאקטער מיט פאליציי. ער האט פונדעסטוועגן אריינגעקוקט אין פענצטער און'איז אריין אין שטוב.

— דו? וויאזוי קומסטו אהערצו אין אזא צייט? דו ווייסט דאך, אז צו פארקאנפיסקירטע באוויירים טאר מען ניט קומען אן א דערלויבעניש?

— איך בין געגאנגען צו דער יאזקע, אבער דארט ארום איז ניט גאר „ריין“. אריינגיין אהינצו האב איך זיך ניט באשלאסן.

— וואס האט געטראפן?

— וועליק האט דאך איך מיסטאמע איבערגעגעבן, אז איך האב היינט צעמאזשעט דעם שארבן עפעס א פארדעכטיקע פארשוין, וואס האט זיך געלאזן נאך שלוימען, ווען יענער האט געטראגן א קארב מיט ליטעראטור.

— יא, ער האט דערציילט... און צעקא איז מען דערפון ניט זייער צופרידן.

— און צע—קא? פארוואס?

— פארשטייסט, בא אונדז אין געסל... דארט איז אזוי פארקאנפיסקירט... ווען דאס טרעפט אין אן אנדער גאס, וואלט דאס געווען נישקאשע. זיי וועלן ווארפן א כשאד אף אונדזער געסל... ביז אהער איז זי געווען אויסער יעדן כשאד.

— אין אן אנדער גאס איז אבער צו טומלדיק... איך ווייס ניט, צי עס וואלט זיך איינגעגעבן...

— יא, איצט איז דאס שוין פארפאלן...

— איצט איז די געשיכטע אט וואס... אהיים קומען קען איך ניט. איך מוז היינט אפפארן באטש אף עטלעכע וואכן וווהין עס איז.

— עס איז דא אזא באשלוס.

— איז גוט, איך האב און א הערלויבעניש ניט געוואלט אוועקפארן.

— עפשער וועסטו הערווייל, פאר איין וועגס אפטאן א שטיקל ארבעט?

— דעהיינע?

— פאר אין שטאל... אין די אייזנבאן־ווארשטאטן איז דא אינזשעניר א באדער... גיב אים איבער א פארשריפטן בריוו.

— גוט. גרייט צו. און א שא ארום איז מיין צוג. געלט האסטו?

— וויפל דארפסטו?

— א פאר רובל. דארט וועל איך זיך מיטטאמען איינארדענען ווי עס איז.

עס איז שוין געווען ארום צוועלף באנאכט, ווען נאכעמקע האט זיך מיט זייטיקע געפלעך געקליבן צום וואקזאל.

א פרילינגנאכט איז האן געשטאנען, ~~א פרישע און א~~ קילע, דורך א קלין וואלקנדל, א בלאסן און א הורבזיכטיקן האט א האלבע לבנה ארויסגעקוקט און איר ליכטיקער פנים האט אזוי באדויערדיק און בענקענדיק געקוקט אף נאכעמקען, אקוראט ווי זי וואלט אים געזאגט:

— מיין עמעס! זאל די גאנצע וועלט אויפשטיין קעגן דיר, זיי היטן, זיי פעסט — דער עמעס איז אף דיין זייט, גיי זיך דיר דיין וועג. פאר דיר איז דא איין וועג — לענינס וועג.

אזוי האט די לבנה דורך א רין אין בלאס וואלקנדל שטילערהייט גערעדט צו נאכעמקען.

און נאכעמקע איז געגאנגען האפערדיק, פול מיט גלויבן אין דעם גרויסן עמעס, פאר וועלכן ער קעמפט ~~און~~ פאר וועלכן עס קעמפן די פראלעטאריער פון דער גאנצער וועלט.

עס זיינען געבליבן די לעצטע פאר געסלעך. נאבעמסקע האט זיך נאך פארזיכטיקער ארומגעקוקט, האט איינגעהאלטן די טריט, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז עמעצער וועט דערהערן, ווי ער נאגוועט זיך צום באן. פונווייטן האט זיך שוין דערזען דער גרויסער פאנאר, וואס האט באלויכטן דעם וואקזאליקן ארום.

נאבעמסקע איז ארויס פון דער לעצטער געסל און האט דערזען פאר זיך דעם גרויסן פלאץ.

ער האט זיך ארומגעקוקט.

פון וואקזאל איז ארויסגעגאנגען א הויכער יונגערמאן, זייער שיין געקליידעט... ער האט זייער הויך געדרייט אינדערלופטן א דין טראסטיקל און האט זיך פרייליך אונטערגעפייפט.

3

## די זשוואלגיבע איז אומרויק

די בורזשואזע און סאציאלדעמאקראטישע צייטונגען האבן געשטורעמט.

די קאמוניסטן זיינען אן אומלעגאלע פארטיי און זיי האבן די גרעסטע ווירקונג אף די מאסן. דעם ערשטן מיי איז געווען א גרויסע קאמוניסטישע דעמאנסטראציע מיט רויטע פאנעס, מיט לאזונגען אזעלכע, וואס זיי, די עסדעקעס, זיינען זיי געווען גאר ניט אזוי צום הארצן.

דערהויפט האט אויפגעבראכט די סאציאלדעמאקראטן דאס, וואס די קאמוניסטן האבן א פרעסע, ניט ערגער פאר זייערער.

— אן אומלעגאלע דרוקעריי און זעלן ארויסגעבן אזויפיל ליטעראטור, אקוראט, ווי זי וואלט געהאט די בעסטע מאשינעס.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַלן אין סיים. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געהאַט זייערע צייטונגען, זייערע לעגאַלע דרוקעריען, ווי יעדע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. און פונדעסטוועגן האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן די וואַל-קאַמפּאַניע די ערשטע. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן דעם ע ר ש ט ן פּלאַקאַט, דעם בעסטן און דעם שענסטן.

אין איין שיינעם פרימאָרגן איז גאַנץ קאָוונע געווען אַרומגעקלעפּט מיט גרויסע פּלאַקאַטן, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָפּגעמאָלט אַ גאַנצע ריי קאַריקאַטורן, וויאַזוי די עס-דעקעס נאַרן אויף די אַרבעטער, וויאַזוי זיי, צוזאַמען מיט די פאַשיסטן, באַראַבעווען דורך פאַרשיידענע געזעצן די אָרעמע פּויערים.

און פון דעמלט אָן זיינען שוין דיזאַזיקע פּלאַקאַטן פון די ווענט נישט אַראָפּ. די גאַנצע פּאָליציי איז געווען מאָביליזירט. ווי נאָר אַ פּלאַקאַט פלעגט זיך באַווייזן, אַזוי פלעגט שוין דער גאָראָדאָוואָי צולויפן, פאַנאַנדערטרייבן דעם עולם און געשווינד, מיט גרויס רוגזע אַראָפּרייסן דעם פּלאַקאַט און צעטרעטן מיט די פיס.

אָבער ווי נאָר דער גאָראָדאָוואָי פלעגט זיך אָפּקערן און אַראָפּ פון טראָטואַר, פלעגן שוין אויסוואַקסן אַ פּאָר יינגלעך, איינער מיט אַן עמער, און דער צווייטער מיט אַ פּאָר פּלאַקאַטן אונטערן פּאָלע, און אַ גרויסער פּלאַקאַט פלעגט שוין ווידער הענגען איבערן וואַנט... און הונדערטער מענטשן פלעגן זיך שוין ווידער קלייבן אַרום אים...

די זשוואַלגיבע איז געווען אויפגעבראַכט. די גאַנצע פּרעסע, דערהויפּט די עסדעקישע, פלעגט שרייען אויף איר: איר זייט גאָרנישט, איר קריגט געהאַלט און טוט גאָרנישט. די קאָמוניסטן געוועלטיקן איבער אונדז, און איר זייט נישט בעקוויעם זיי אויסצוגעפינען. וואָר זייט, צו זיצן נישט אין דער זשוואַל-

ניבע עטלעכע צענדליק קאמוניסטן און טוען דארט, וואס זיי ווילן.

אין זשוואלגיבע איז מען געווען אומרויק. די עסדעקן האבן אריינגעטראגן אן אנפראגע אין פארלאמענט (בא זיי הייסט דאס סיים): צי ווייס דער אינערן-מיניסטער, אז אין זשוואלגיבע זיצן קאמוניסטן און אז די זשוואלגיבע באקומט געלט פון מאסקווע, פון די באלשעוויקעס. די עסדעקעס האבן געוווסט, אז דאס איז א ליגן, אבער קעדיי אפצובריינגען די זשוואלגיבע און ניטן זי איינמאל פאר אלעמאל אנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען קעגן די קאמוניסטן, האבן זיי אריינגעטראגן אזא פראוואקאטארישע אנפראגע.

דער שעף פון דער זשוואלגיבע איז געזעסן אין זיין צימער א בייזער און אויפגעבראכטער. ער האט בייז און לאנג געקלונגען. אין צימער האט זיך באוויזן זיין געהילף, לאהונייטיס.

— דיינע באווירים, די סאציאלדעמאקראטן, הערן ניט אויף צו בילן. עפעס וואלטסטו זיי איינגענומען?

— איך האב אייך געזאגט, אז מע דארף ווערן נעענטער מיט זיי. מע מוז זיי געבן עטלעכע ווייכטיקע פאסטנס... נעכטן האב איך געזען דעם פארזיצער פון דער עסדעקישער סיים-פראקציע...

— צום טייוול, וואס ווילן זיי נאך! א געהילף האב איך שוין א סאציאלדעמאקראט. איך אליין בין דאך אויך עפעס א סאציאליסט... עפעס אן עס-ער, און א גאנצער ריי שטעט האבן מיר עסדעקישע אגענטן. מיט איין ווארט — א סאציאליסטישע זשוואלגיבע.

— די לעצטע צייט האבן די קאמוניסטן טאקע אויפגעהויבן דעם קאפ.

— יא, אבער גיי געפין זיי! דו ביסט דאך שוין אן עס-דעק, ניט קיין מאסקווער אגענט, נו, פארוואס געפינסטו זיי ניט?

— מען מוז האָבן אונדזערע עטלעכע מענטשן בא זיי.
— אַט גלויבן זיי דיר! דו האָסט דאָך דיין באַזונדער געשיקט ווערן אַ קאָמוניסט, נו, האָט דאָס פֿיל געהאָלפֿן? אַט האָבן זיי דאָך אים אַריינגענומען אין דער פּאַרטיי.
— הופֿט אַריין בלינדערמאַנען, ער מוז האָבן באַקאַנטע, ער מוז וויסן.
— שיק אים אַריין, די שמאַטע. פֿון אים וועט גאָרנישט זיין, ער איז אַ גרויסער נאַר. געדאַרפֿט צישיקן...
מען האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפֿאָן.
— יאָ. איך. ווער רעדט דאָס? דער טייוול וויים, וואָס די פּלוידערסט דאָרט אין טעלעפֿאָן? דרעמען!
ער האָט אַ שלײַדער געטאָן פֿון צאָרן די מרייבל פֿון טעלעפֿאָן, האָט בײַז אַ רעווע געטאָן, האָט אַ ריס געטאָן דעם מונדיר פֿון זיך און האָט אַ זעץ געטאָן מיט זיין פֿויסט אַז שרייבטיש.
— איך וועל איבערייסן האַלב קאַזנע, אָבער איך וועל זייער נעסט צעשטערן.
— וואָס האָט געטראָפֿן?
— בלינדערמאַן ליגט שוין אין שפּיטאָל.
— וואָ־אָס!
— דיין פֿידעל! דו האָסט דאָך אים „ווערבירט פֿון די קאָמוניסטישע רייען". גיי פֿאַרלאָז זיך אויף אייך, עסדעקעס.
ער האָט אָנגעקלונגען.
עס איז אַריין אַן עלטער זשאַנדאַרם, אַ הויכער, מיט גרויסע באַקנבאַרדן און גוואַלדיק לאַנגע וואָנצעס, וואָס זייַנען געהאָנגען אַראָפּ, ווי צווייגן פֿון אַן אַלטער בעריאָזע.
— נו, איבערגעפֿינט זיך! וויהן האָט איר געשיקט בלינדערמאַנען?
— ער איז געקומען צוגיין און האָט געזאָגט, אַז ער קען זיך דערוויסן, ווי עס געפֿינט זיך די אומלעגאַלע דרוקעריי



523—2

— און דו האָסט אים, נאַטירלעך, געגלייבט? אַט דאָס הייסט אַן אַלטער, רוסישער וושאַנדאַרם, צום טייוול זאָלסט איר אַלע גיין!

— וואָס האָב איך אים געדאַרפֿט גלייבן? איך האָב אים געזאָגט: גוט, גיי און שפּיל.

— עס וועט גאָרנישט זײַן, עס איז קענטיק, אַז אײַערע אַלטע מעטאָדן פֿון אויסשפּירן וועט מען מוזן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויסראָטן. וואָס האָט פֿאַרשטאַנען דער רוסישער כאַם?

מע האָט ווידער אָנגעקלונגען.

— אַלאָ! אַזוי, ער האַלט שוין בײַ דער פֿינגירע! וואָס?! אַ ראָז? ער וויל ווידער וואַזן! צום טייוול, וואָס האָט דאָס צו מיר?

דער וושאַנדאַרם מיט די לאַנגע וואָנצעס איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט.

— זאָגט, אַז מיר וועלן אים גלײַך שיקן. מע קען מיטן ראָז הורבמאַכן... מיר דאַרפֿן האָבן אַן אייגענעם ראָז.

דער שעף פֿון דער וושיזשאַלגיבע האָט אַ קוק געטאָן פֿאַרוואונדערט אויף דעם וושאַנדאַרם, נאָר באַלד האָט זיך אַ שמייכעלע באַוויזן בײַ אים צווישן די אויגן און ער האָט געענטפֿערט אין טרייבל.

— גלײַך שיקן מיר אַ ראָז. זע, ער זאָל האָרט דערווײַל ניט פֿײַערן. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און האָט מיט אַ שמייכעלע געזאָגט צום אַלטן וושאַנדאַרם.

— פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש, איר זייט גאָניאַל! דערווײַל האָב איך זיך גאָרנישט געכאַפּט.

— הייסט דאָס, אַז ניט אַלע פֿון דער אַלטער וושאַנדאַרמעריע וועלן מיר דאַרפֿן אויסראָטן!

אַלע האָבן זיך צולאַכט.

— אַמאָל, אין די אַלטע צײַטן, ווען עס האָט נאָך געלעבט אונדזער גאָט-געזאַלבטער...

— נײַן, ווײַנט אַביסעלע, ווײַנט. ניטאָ דער קיסער און ער וועט שוין ניט זײַן.

— יאָ... איז אָט, אָט דעמאָלט פֿליִען אונדז די זשוראַווסקע ראַבאָנים ווײַטער גוט צונײַן קומען.

— עפּעשער קענט איר ליפּטערן אײַער שפּראַך, האָט דער שעף מיט אַ שמייכעלע געזאָגט. מיר זײַנען אַן אַבראַנקע אַפֿן אײַדאַפּעריען מאַניר... מיר האָבן דורכגעמאַכט די ענגליִשע שול. איר ווייסט דאָך גוט, ווי איך האָב ליב די ייִדן, אָבער... מע דאַרף זײַן אַ דזשענטלמען.

— אַנטשולדיקט... איז אָט דעמאָלט פֿליִען אונדז די ייִדישע ראַבאָנים ווײַטער גוט צונײַן קומען. אָט איז בײַ אונדז געווען אין לאָדז אַזאַ ראַבין. ער פֿלעגט שטענדיק צושטעלן די צע־טלעך פֿון די שטריק־אַנפּירער. ער איז בײַ אונדז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער. דער פּאָלקאָווניק אונדזערער פֿלעגט זיך מיט אים אַלע וואָך טרעפֿן בײַ דעם באַרימטן ייִדישן גוויר, בײַ פּאָזנאַנסקען אין שטוב. מיר האָבן געהאַט אַזאַ אין דווינסק. אַן אַנגעזעענער ראַבין געווען. נו, און דער פּאָלטאַ־ווער ראַוו...

— יאָ, אָבער וואָס קענען מיר איצט טאָן? ערשטנס, האָבן מיר קיין ראַוו ניט...

— דאָס איז אַ קלייניקייט. שיקט נאָך אײַער קאַזיונער ראַוו, ער וועט דאָס טאָן.

— מע דאַרף ווי צאָלן איך?

— אונדז פֿליִען ווי טאָן פֿאַר אַ שמייכעלע. מיר פֿליִען אָף ווי גוט אַנשרײַען, אַ טופּע טאָן שטאַרק מיטן פֿוס... גוואַלדיקע פּאַבראַנים... איך וועל פֿינדאַנען אָנקלינגען.

— קלינגט.

פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט פֿאַריכט זײַן טוזשורקע, האָט אָנגעקליידט די וואָנצעס, געמאַכט אַ בריין פּאָנעם און האָט אָנגעקלונגען.

— דעם ראַוו האָרך איך, האָט ער אַ ברום געטאָן. און
צו די צוויי באַוויירים זײַנע האָט ער מיט אַ געלעכטערל און
שטיל געזאָגט:

— באַלד נעמען בײַ אים אָפּ די פֿיס... עס וועט אים ווערן
נאַס...

און טעלעפֿאָן־טרײַבל האָט אַ הודער געטאָן.

— דער ראַוו? ער האָט געמאַכט אַ באַסאַווע שטים און
האָט וואַזשנע־שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— דאָס רעדט מען פֿון זשוואָלגיבע... ער האָט געמאַכט
אַ ביטערוואַט פּנים און האָט געזאָגט זייער שטיל זײַנע
באַוויירים.

— דאָס בעדל, דאָס צינ־בעדל איז שפּיציק געוואָרן.

און אין טרײַבל האָט ער בײַ־ערנסט אָפּגעזאָגט:

— יאָ, פֿון זשוואָלגיבע, וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי?..
אין היינטיקער צײַט, הערט זיך צו די זשוואָלגיבע, ווי די
גאַנצע שטעטל, צו די רעליגיעזע פֿאָדערונגען פֿון יעדער נאַ־
ציע... די אַבראַנקע איז אַזאַ אַנשטאַלט, וואָס איז פֿאַרבונדן
מיט אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. ער האָט אין טרײַבל
אויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג און האָט זיך משונה מאָדנע
פֿאַרקרימט.

— זשיראָוסקע מאָדנע, פֿאַרבאַטע מאָדנע, האָט ער
שטיל געזאָגט. און אין טרײַבל האָט ער ערנסט אַרײַנגעזאָגט:

— מיר האָבן איך, זייער אַ ווינטיקער אַטיען... און
אַ האַלבער שאַ אַרוס?..

.4

## דער ראַוו און די זשוואָלגיבע

געלאַכט און שטיל, מיט אַ באַזונדער ראַכוועס איז די
שוואַרצע באָרד געלעגן אָף דעם לײַזער דעם ראַווס ברייטער

ברוסט-קאַסטן. און דער פּנים באַם ראָװ איז געװען אַזױ געלאָסן און ראַכמאָנעסדיק, װי זײַן באָרד.

ער איז געגאַנגען שטיל און אין זײַן רויִקן גאַנג איז געװען אַ באַזונדער זיכערקײט און פעסטקײט. ערשט איצט האָט ער זיך דערפילט, אַז עס איז גוט און עס איז װערט צו לעבן אױף דער װעלט. באַ זיך, אין דער ײדישער װעלטל, איז ער שױן לאַנג אַן אָנגענומענער מענטש, אַ גרױסער באַשײַן. ספּאַ-לאַװײטשיק, דער גרױסער װאַלד-סוחר, װאָס האָט אױפן ברעג פון נעמאַן זײַן גרױסן זעגמיל און װאָס האָט דערגרײכט צו אַזאַ גדולע, אַז ער איז געװאָרן אַ ײדישער מיניסטער, דערהאַזיקער ספּאַלאַװײטשיק האָט אים, דעם ראָװ, רעב לײ-זערן, אײַנגעלאַדן אַמאָל אױף טײ און האָט מיט אים גערעדט אַזױ װאַזשנע װעגן װיכטיקע קאָהעלשע איניאָנים. באַ די איבעריקע גױרים איז ער שױן לאַנג אַן אָנגעזעענער מענטש, ניטאָ װאָס צו זינדיקן... אָבער שטענדיק האָט רעב לײזערן פאַרדראָסן אײן זאַך — פאַר װאָס איז דער גאַלעך פּלעטש-קײטיס אַ דעפּוטאַט אין סײם, אַ מיטגליד פון פאַרװאַלטונג פון פאָלקס-באַנק — און מע זאָגט גאָר, אַז ער האָט דאָרט די גרעסטע דײע, — אַ שטענדיקער אַרײַנגײער צום פּרעזי-דענט. אַ ײדישער מיניסטער איז טאַקע אַ װאַזשנע זאַך, אָבער צו אַ פּרעזידענט קומט דאָס ניט... עס איז דאָך עפּעס אַ מאַלכעס...

און איצט פילט ער, אַז עס הײבט אָן צו גײן אױף אַ ריכטיקן װעג. דער שעף פון דער זשאַװאַלגיבע אַלײן האָט אים גערופן צו זיך... עס קען זײַן, אַז דער איבערשטער װעט העלפן און דורך זײַן האַנט װעט ער געהאָלפן װערן... אַ גרױסער אָדן, דער שעף פון דער זשאַװאַלגיבע. מע זאָגט, אַז באַ אים אין די הענט ליגן אַלע מיניסטאָרן... אַפילע דער פּרעזידענט אַלײן זאָגט מען...

ער האָט מורא געהאַט צו פֿאַרענדיקן דעם געדאַנק: ווער ווייס, צי פּאַסט דאָס... ער גייט דאָך עפּעס אין ושוואַלגיבע... זיי פֿאַרשטייען דאָך אויף וואָנק...

אויף וועג האָט ער באַגעגנט דעם דאַיען, נאָר איצט האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ער האָט זיך ניט געוואָלט מיט אים טרעפֿן... ער גייט אין ושוואַלגיבע, גייט ער... אין קליי־ניקייט, אין ושוואַלגיבע... קיינער טאָר ניט וויסן...

און האָט פֿאַרקערט אין אַ זייטיק געסל.

איידער ער האָט אָנגעקלונגען אין ושוואַלגיבע, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, האָט אַ קליין הוסט געטאָן, האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און פֿאַריכט דעם אָטלעכענעם סורדוט.

שטילערהייט, מיט אַ באַזונדער ציטער, האָט ער אַ דריק געטאָן די קנאָפּקע פֿון גלעקל. און ווי נאָר הינטער טיר האָט אַ ריס געטאָן מיט רוגזה דער צינגל, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט פֿלינק אָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט.

ראַב לייזער איז לאַנג געזעסן אין וואַרטונגס־צימער ביז צו אים איז אַרויסגעגאַנגען דער אַלטער רוסישער ושאַנדאַרם מיט די לאַנגע וואָנצעס. פּאַוול אַנטאָנאָוויטש איז אַריינגע־גאַנגען פֿלינק, מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ הינטער זיך די טיר. ער האָט געמאַכט איין טראָט און איז געבליבן שטיין. ראַב לייזער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט זיך שטאַרק אַ בויג געטאָן און האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— איך בין דאָס דער ראָוו.

— גוט, גוט, האָט איר זייט געקומען. מיר ווילן לאָיאַל צו יעדער רעליגיע. מיר האַלטן, אַז יעדער פֿרומער מענטש, וועלכער נאַציע ער זאָל ניט געהערן, אַפֿילו צו דער ייִדישער נאַציע, איז פֿאַר אונדז גוט... איז אַט... בײַ אונדז ליגט אין שפּיטאָל אונדזערער אַ מיטאַרבעטער. איינער פֿון אייערע, פֿון די באָלשעוויקעס, האָט אים געמוזט מבֿאַבער זיין מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ און ער גייסעט איצט אין ייִדישן

שפּיטאָל. ער וויל זיך אָבער פֿאַרן טויט מיטוודע זײַן. גייט צו אים, זאָל ער זיך מיטוודע זײַן און זאָל ער זאָגן אַלץ, וואָס ער ווייס וועגן די קאָמוניסטן.

רעב לייזערן איז אַף אַ ווײַלע געוואָרן קאַלעמוטנע אַפֿן האַרצן: ער האָט געוואָרט אַף מער, אַף עפּעס אַ גרעסערער שלימעס. נאָר באַלד האָט ער זיך אַליין באַרויקט:

— מע הייבט אָן פֿון קליינס... אַלעמאָל הייבט מען אָן פֿון קליינס...

ער האָט זיך אַ נייג געטאָן.

---

— איך דאַנק אײַך זייער, גרויסער האַר, פֿאַר אײַער גנאָד... גאָט וועט אײַך בעפֿיירעש באַצאָלן מיט קאַלטווז פֿאַר דעם, וואָס איר פֿאַרלאָזט נישט אַ ייִדישע נשאָמע, וואָס וויל זיך אָפּרײַניקן פֿון די גרעסטע זינד, פֿון קאָמוניזמוס, און זאָל קומען אַף דעם אוילעם האַבע ריין, ווי די טויב.

ער האָט געוואָלט נאָך רעדן, נאָר פּאַוויל אַנטאָנאָוויטש האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך דאַרף וויסן, אַף וואָס אַנטקוועטשן. ער איז אונדזערער און אַוועק נישט פֿון לאַנג. ער מוז וויסן אַסאַך זאַכן, נאָר די בעסטע האָט נישט דערציילט: צי האָט ער מורע געהאַט פֿאַר די באָלשעוויקעס, צי ער האָט געוואָלט פֿאַר יעדער ייִדן צאָפֿן בײַ אונדז געלט. איצט דאַרף איך אים דערווײַזן, אַז זײַנע באַוויידים אַליין האָבן אים דערהאַרגעט, און מיט דעם, וואָס ער וועט אויסקאַטאַן מיט זיך די סודעס, וועלן זיי נאָך עמעצן אויך דערהאַרגענען... עפּעסער טאַקע זײַנע עלטערן... זיי וועלן נעקאָמע נעמען אָן אים און דערהאַרגענען זײַנע עלטערן... מיט איין וואָרט, איך וועט שוין וויסן, ווי צו זאָגן, איך פֿאַרלאָז זיך אַף אײַך: ייִדן זײַנען אַ קלוג פֿאָלק... נישקאָשע, מע דאַרף זיי נישט לערנען.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געגעבן אים די האַנט.

רעב לייזער האָט האַסטיק אַ נעם געטאָן זיין האַנט אַזוי, אַז ער האָט שטאַרק אָנגעקוועטשט אויף דעם אויסבויג פון גראָבן פינגער, ער האָט זיך באַלד אַ נעמגעטאָן צוריק און האָט אָפּגיך אַרויסגעזאָגט:

— אַהאַנק, אַ גרויסן האַנק... זייט רויק, איך וועל...

— איר דאַרפט גיין גלייך, און מיר מוזן האָבן די ידיעה אויך גלייך. איך וועל אייך שיקן אין שפּיטאָל צוהילף אונד־זערן אן אַגענט; ער וועט פאַרשרייבן, וואָס מען וועט דאַרפן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז רעב לייזער געזעסן נעבן בלינ־דערמאַנס צוקאָפּן.

— אָט אַזוי, מיין זון... דו דאַרפסט זיך מיטוואָדע זיין פאַר מיר... דו האָרפסט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס עס קוועטשט דיר אויפן האַרצן. טאַטער האָסטו אויף וועמען עס איז אַ קאַעס, זאָג, וועט דיר גרינגער ווערן און דער איבערשטער וועט דיר מוחל זיין דיין זינד. מע טאָר ניט זיין אינקאַעס, מע טאָר אויף קיינעם ניט טראָגן קיין קאַעס... דער מענטש איז דאָך נאַרניש, ער איז דאָך ניט מער, ווי גאָטס אַ שליעך... זאָג, מיין קינד, דערציילן אַלץ.

בלינדערמאַן האָט אַ קרעכצע געטאָן.

— מיך האָט דערהאַרגעט אַ באַלשעוויק, יענטע די בעק־קערקעס ייִנגל... ער וווינט...

— וועלכע יענטע די בעקערקעס? דערצייל, מיין קינד, איך דאַרף האָט מיספּאַלעל זיין אי פאַר דיר, אי פאַר אים... ווי רופט מען אים, מיין קינד?

— נאַכעמקע...

— נאַכעמקע בעריעב?...

— ישׂראל־בער האָט מען גערופן זיין טאַטן.

— בערעב ישׂראל־בער, וואָס וווינט?..

— אויף קליינגראַדנער...

— אויף קליינגראַדנער... און די פאַמיליע זיינע איז...

— קאַפּלאַן.

— קאַפּלאַן. איז אַט דער איבער יסראָעל האָט דאָס דיר געגעבן מיט אַ שטיין אין קאָפּ... פאַרוואָס?...

— רעבע, איך דאַרף מען דאָך זאָגן דעם גאַנצן עמעס...

— נאָר דעם עמעס, מײַן קינד. איך דאַרף דײַנע רייד ברענגען פאַר גאָט באַרעכו. ווי קען איך ברענגען פאַר גאָט באַרעכו שקאָרים?

— ער איז אַ קאָמוניסט... דאָרט אפן הויף... וווינט נאָך איינער... אויך אַ קאָמוניסט... שלוימע רופט מען אים... ער האָט פאַרבינדונגען מיט דער הויקעדיי...

הינטערן ראָוו איז געשטאַנען אַ הויכער יונגערמאַן, ווייער שיין געקליידעט און האָט פאַרשריבן אין אַ קליין ביכעלע...

.5

## די השוואלגיבע און דער ראָוו

איצט איז שוין רעב לייזער ניט געשטאַנען, נאָר געזעסן נאָר ברייט צעלייגט אין אַ ווייכן פאָטעל פון הויכן לעדער, און אַנטקעגן אים, אויך ברייט צעלייגט, איז געזעסן ניט דער אַלטער רוסישער זשאַנדאַרם, פאָזיעל אַנטאָנאָוויטש, נאָר אַליין דער שעף פון די זשאַנדאַרמען... און געזעסן איז דאָס ניט אין וואַרט-צימער, נאָר טאַקע באַם שעף אין קאַבינעט.

דער שעף האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל געקוקט אין די אויגן דעם ראָוו, און דער ראָוו האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל געקוקט אין די אויגן דעם שעף.

דער שעף האָט געפרעגט און דער ראָוו האָט דערציילט...

און הינטערן ראָוו איז געשטאַנען אַ הויכער יונגערמאַן, ווייער שיין געקליידעט און האָט פאַרשריבן אין אַ קליין ביכעלע.

און דער ראָוו האָט דערציילט.

— איך בין זיכער, אַז די אַרבעטער־פֿראַקציע אין דער
קעהילע איז אַ קאָמוניסטישע. איך וועל אייך, אָדן נאָדל,
ניט זאָגן אַף זיכער, אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַזוי...
מיר, די עמעסע ייִדן, זיינען שטענדיק געווען קעגן רעוואָ־
לוציע און פֿאַר אָרדענונג אין לאַנד און זיינען איצט אויך
אַזוי. בײַ אונדז איז בעפֿיידעש דאָ אַזאַ געמאַרע, אַז דער,
ווער עס גייט קעגן מאַלכוס — און אַ פּרעזידענט הייסט אויך
מאַלכוס — איז דיזעלבע זאַך, ווי ער גייט קעגן גאָט...
— ער האָט אים, זאָגט איר, אָנגערופֿן שלוימע?
— יאָ, שלוימע, און געזאָגט האָט ער נאָך, אַז מע רופֿט
אים „שלוימקע דער מינטער".
— און די דרוקערײַ האָט ער ניט געזאָגט, ווו זי געפֿינט
זיך?
— איך האָב געפֿרעגט, גרויסער האַר, געפֿרעגט. נאָר ער
האָט מיר געשוואָרן פֿאַרן טויט, אַז ער ווייס אַליין ניט...
און אַז אַ ייִד שווערט און נאָך פֿאַרן טויט, איז דאָס הייליק.
— וואָס נאָך האָט ער דערציילט?
— ס'איז אים געווען שווער צו רײדן, אַז איך האָב אים
געזאָגט, אַז זיי, די קאָמוניסטן, קלייבן זיך אונטערצינדן זיין
טאַטע־מאַמען און פֿאַרברענען זיי און עס איז פֿיל בעסער,
אַז ער וועט אַלץ דערציילן אַליין, האָט ער זיך אָנגעצונדן,
ווי מיט אַ פֿײַער, און האָט אַרויסגעשריען:
— די ליטעראַטור נעמט צו אַן אַלטער לאַטיש, וואָס
וווינט אַפֿן ברעג נעמאַן, אין אַ נידעריקן קעלער. ער איז
אַ סטאָליער. ער האָט אַ ווייב און זי אָביסל אַ קרומלעבע.
דאָרט וווינט מיט זיי זייערע אַ טאָכטער, זי איז אַ קאָמ־
יוגיסטקע.
אַ נאָמען, אַ פֿאַמיליע האָט ער ניט אָנגערופֿן?
— ניין. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער וווינט אַפֿן ווינקל
פֿון גראָדנער גאַס.

— גוט. און וועגן יידישן מיניסטעריום האָט ער אײַך גאָרנישט דערציילט?

רעב לייזער איז געוואָרן אומרויִק.

— וואָס רעדט איר? דאָס יידישע מיניסטעריום? דאָרטן ליבט מען און מע דאַנקט גאָט פאַר דעם פּרעזידענט און פאַר זיינע גרויסע בסאָדים, וואָס ער טוט מיט אונדז, יידן... וואָס רעדט איר...

— ניין, איך מיין נישט דעם גאַנצן מיניסטעריום!... דעם יידישן מיניסטער, סאָלאָווייטשיק, קען איך זייער גוט. ער איז בא מיר געווען אָפט, ער קומט צו מיר צו גאַסט, ווי מיינער אַ כאַווער... ערשט נעכטן האָט ער בא מיר טיי געטרונקען... איך קען די אָנגעזעענע לייט פון מיניסטעריום אַלע. אָבער אויב אין דער קעהילע האָבן זיך געקענט אַריינקלייבן קאָמו=ניסטן, קענען זיי דאָך אין מיניסטעריום אַוודע זיין. אייער זאַך איז נאָכקוקן און מיר פון צייט=צו=צייט אָנקלינגען... איר דאַרפט נישט גיין צו מיר. נישט באַלד דערפאַר, ווייל איך האָב אײַך נישט גערן, נאָר דערפאַר, ווייל עמעצער קען נאָך באַמערקן און איר קענט דורכפאַלן...

ער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיין געשפּרעך מיטן ראַוו, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַרײַן דעם שעפס געהילף.

— מיין וואַרעמען גרוס אונדזער ראַוו. דעם באַשעוסטן יידן פון אונדזער רעפּובליק. מיר קענען אײַך דערפרייען: אונדזערע מענטשן באַוואַכן שוין דעם וואָקזאַל. מיר האָבן דערגאַנגען, ווער עס איז אַזוינס „שלימע דער טינטער". מיר האָבן איינגעשטעלט אַ נאָכשפּירונג נאָך אים. מיר ווייסן שוין ווער דער לאַטיש איז. מיר האָבן פון די אַלע לייט פריער געוווּסט, אָבער מיר זיינען נישט געווען זיכער, אַז זיי האָבן אַזעלכע פאַרבינדונגען. סיי דער שלימע, סיי דער לאַטיש זיינען ביידע געקומען פון רוסלאַנד. און יעדערער, וואָס עס

איז געקומען צו אונדז פון רוסלאַנד, אויסער, נאַטירלעך, פּועלבע ייִדן, ווי איר, וואָס זיינט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, זייגען בײַ אונדז אונטערן כשאַד.

— איך זיים געדעכט, — האָט געזאָגט דער ראַוו — רוסלאַנד איז דער סאַם פאַר דער גאַנצער וועלט. פון רוסלאַנד קומען אַלע צאָרעס... דאָרט פאַרמאַכט מען די שולן. דאָרט האָט מען פון די סיפּרעטוירעס געמאַכט הענטשקעס פאַר די רויט-אַרמייער... ייִדן טיט מען דאָרט עסן כאַזער... רוסלאַנד איז אַ מאַגייפע...

דער טעלעפאָן-קלונג האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

— נו, איר וועט מיר מויכל זיין, — האָט זיך געווענדעט דער שעף צו דעם ראַוו, — איך בין פאַרנומען, איר זעט דאָך זייער פיל אַסאַקים... איך דאַנק אייך זייער...

ער האָט גענומען דאָס טרייבל און האָט האָט זיך מיט אַ פריינטלעכן נייג מיטן קאָפּ צעזעגנט מיטן ראַוו.

דער ראַוו איז אַוועק. דער ראַוו איז אַוועק זייער אַ צופרידענער, פול מיט האָפענונג, אַז איצט הייבט זיך ערשט אָן זיין וועלט, זיין גרויסע וועלט.

— פאַרוואָס זאָל אַ ראַוו אייך עפּעס ניט האָבן קיין שייכעס צו דער מעלוכע?

און דער שעף האָט אין טעלעפאָן געגעבן פאַראָרדענונגען.

— אַרומרינגלען דעם וואָקזאַל, געבן פאַראָרדענונגען אויף אַלע ליניעס, אַז מע זאָל איבערקוקן אַלע פּעסער בײַ די פּאַסאַזשירן און יעדע פאַרדעכטיקע פאַרשוין ברענגען אַהער.

— אָדער נאָכקוקן וועט איר ברענגען, אָדער אייערע קעפּ וועלן ליגן בײַ מיר אין פאַרטפעל. הייבטיקע וואָך מוז זיין אַ סאָף צו דער פאַרברעכערישער באַנדע! הייבטיקע וואָך מוז מען אויפדעקן די געהיימע דרוקעריי! הייבטיקע וואָך, איר הערט, זאָל איך שוין קענען אין סיים דערלייגן, אַז צו דעם קאָמוניזם אין ליטע האָט גענומען אַ סאָף.

ער האָט בייז אַ וואָרף געטאָן דאָס טרייבל אַפן אַפּאַראַט.

אַפן וואָקזאַל איז געווען האַלב טונקל. די עלעקטרישע לאָמפּן זיינען ניט אַלע געווען אָנגעצונדן ניט געקוקט דערויף, וואָס דער צוג אַף שאַוול האָט שוין געהאַלטן באַם אָנקומען. פּאַסאַזשירן זיינען געווען פיל, אָבער איבער דער טונקלקייט האָט מען זיך געפילט, ווי איינזאַם... שאַטנס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער דעם גרויסן זאַל, האָבן זיך געדרייט צווישן די טישן און שטולן און האָבן זיך קיין אָרט ניט געפונען.

נאָבעמקע איז אויך געווען צווישן די שאַטנס, אָבער ער איז ניט אַרומגעגאַנגען, נאָר געזעסן פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע און האָט קלוימערשט געדרעמלט. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט. ביז אַהער האָט אים געגאַלטן. באַ דער קאַסע האָט ער קיין שפּיקעס ניט באַמערקט. דאָס, וואָס עס איז פינצטער אַפן וואָקזאַל, איז אויך ניט ערגער... נאָך אַ מינוט פינף און ער איז שוין אין וואַגאָן.

עס האָט זיך דערטראָגן פון פּלאַטפאָרם אַ געדיכטער גלאָקן-קלונג: דער צוג האָט זיך דערנענטערט צום סטאַנציע. דער אוילעם האָט אַ רויש-געטאָן און האָט זיך געשטעלט אין ריי צום אַריינגיין.

נאָבעמקע האָט זיך אויך געשטעלט.

עס האָט אים מאָדנע געציטערט דאָס האַרץ.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע פאַנאַרן אָנגעצונדן. עס איז געוואָרן שניידנדיק ליכטיק.

פון עטלעכע ווינקעלעך מיט אַמאָל האָבן זיך געלאָזן צו די טירן פון אַריינגאַנג עטלעכע פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען.

איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס פירט אַף דער פּלאַטפאָרם, אַ צווייטער האָט זיך געשטעלט באַם טיר, וואָס פירט אין זאַל.

— אייערע פּעסער!... גרייט אָן אייערע דאָקומענטן...

# אין אָכראַנקע איז לעבעדיק

אָך אַזאַ גרויסן גליק האָט זיך די אָכראַנקע נים געריכט. אַפן וואָקזאַל האָט מען אַרעסטירט נאַבעמקען, און בא אים אין די הויזן האָט מען געפונען איינגענייט אַ שיפרירט בריוועלע.

נו איז וואָס? דאָס איז אַלץ אַ קלייניקייט.

מען האָט אַרעסטירט דושעניקס'ן, און אַלטן לאַטיש. אַ סטאָליער מיט זיין פרוי, מיט זיין יונגער טאָכטער. בא זיי האָט מען געפונען אַ גרויסע פויערשע קאַסטן אַף פיר רעדלעך פול געפאַקט מיט ליטעראַטור צו די וואַלן אין סיים? — דאָס איז שוין אַן איניע, און דער שעף פון דער זשוואַלגיבע איז אַרומגעלאַפן אַ צופרידענער: אַזעלכע העבט געפאַקט.

אַבער פונדעסטוועגן איז דאָס נאָך ווייניק, אַז מע זאָל קענען קומען אין סיים און אָנזאָגן, אַז אין ליטע איז דער קאָמוניזם שוין ליקווידירט.

דאָס איז ווייניק, ווייער ווייניק...

און דער שעף האָט באַשלאָסן אַליין נעמען זיך צו דער אויספאָרשונג פון די אַרעסטירטע פערזאָנען: ער וועט שוין בא זיי אַלץ דערגיין, ער וועט שוין אַנטדעקן די גאַנצע נעסט פון קאָמוניזם.

דעם ערשטן האָט ער געהייסן אַרויסרופן נאַבעמקען. ער האָט געהייסן פאַרהענגען די פענצטער, עס זאָל זיין האַלב טונקל, עס זאָל מאַכן אַ סומנעם איינדרוק אַף דעם שנעק… אין איין ווינקעלע האָט ער געהייסן, עס זאָל זיך שטעל… לאַדניטים, זיין געהילף. ער דאַרף שטיין, ווי אַ סטאַטוע מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. אין דעם צווייטן ווינקל האָט ער אויקגעשטעלט פאַוועל אַנטאָנאָוויטש, אויך מיט אַ רע…

אַלווער אין האַנט. אין אָפֿן מויל האָט ער אויך אויסגעקוקט
ייגט אַ רעוואָלווער.
דאָס איז אַלץ אָפּ_געשרעקן נאַבעמקען.
אַליין האָט ער זיך ברייט צעלייגט אין פאָטערשטול און
לאָט אים געהייסן אַרײַנרופֿן.
די טיר האָט זיך געעפֿנט און נאַבעמקען האָט מען אַרײַנ־
געשטופּט מיט האַסט אין קאַבינעט.
— נו, — האָט דער שעף אַ ברום געטאָן — וואָס ווייסטו
אָן?
נאַבעמקען האָט געשוויגן. ער איז געשטאַנען אין מיטן
ימער, די הענט אין די קעשענעס, אַ בלאַסער, אָבער אַ
יקער מיט אַ בייזן שמייכעלע אין די אויגן.
— ווי רופֿט מען דיך?
— איך וועט זיין אַזוי גוט און אַ קוק טאָן אין מיין
אַס. ער געפינט זיך בא דעם אַגענט, וואָס האָט מיך אַרעס־
ירט.
— שפּאָרן ווייסטו מיט דיינע באַווייזן פון מאַסקווע.
ט מיר שפּאַסט מען ניט!
נאַבעמקען האָט געשוויגן.
— ווער האָט דיר געגעבן דעם שיפֿרירטן בריוו?
— וועלכן בריוו?
— בא דיר אין די הויזן איז געוועזן איינגענייט אַ שיפֿ־
רירטער בריוו.
איך ווייס ניט, וואָס איר מיינט. וואָס איז דאָס אַ... ווי
אָט איר געזאָגט, אַ שיפֿרירטעס?
— מאַך זיך ניט נאַריש, איך שפּיל זיך ניט.
— און איך שפּיל זיך אויך ניט. איך ווייס ניט וואָס
ס איז אַ שיפֿרירטער בריוו.
דער שעף האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און איז צוגע־
גאַנגען נאָענט צו נאַבעמקען. זיי זיינען געשטאַנען איינע



ער איז געשטאַנען די הענט אין די קעשענעס...

אַנטקעגן די אַנדערע און האָבן אַ צייט בייז געקוקט איינע
די אַנדערע אין די אויגן.
— דו זעסט אַט דעם רעוואָלווער? באַלד וועט ער זי
פֿליִען צו דיין שלייף און פֿון דיר וועט בלייבן אַ נאַסע
אָרט. ווילסט?

— מילע, װעסט בלײבן. מיך שרעקט מען ניט. בעסער, װי שטײן מיט אײך פינף מינוט און רײדן.

— װער האָט דיר געגעבן דעם בריװ, האָט ער אַ ברום געטאָן און האָט צוגעלײגט דעם רעװאָלװער צו נאָבעמקעס שלײף.

— קײנער ניט.

— װיאַזױ־זשע קומט ער צו דיר?

— איך װײס ניט, איך האָב די הײזן געקױפט אױפן מאַרק. װער װײס װעמענס דאָס איז און װאָס דאָס איז דאָרט געװען אַרײנגעלײגט.

— דײן באָבן װעסטו דערצײלן אַזעלכע מײסעס.

— מײן באָבע איז שױן לאַנג געשטאָרבן...

די שטילקײט און רואיקײט פון צימער האָט מיטאַמאָל צערודערט אַ קלאַנג פון אַ פּאַטש אין באַק. בײ נאָבעמקען פון נאָז האָט זיך גערונען בלוט.

— נו, איצט װעסטו זאָגן?

— איך האָב שױן מײנס געזאָגט. און מער האָב איך ניט, װאָס צו זאָגן און װעל גאָרנישט זאָגן. איך האָב קײן קײער ניט צו געבן אײך צוריק. איר זײט געװינער פאַר מיר און אַט האָט איר נאָך צװײ — פאַרשױנען אַזעלכע, װי איר... איך שװײג. מער באַקומט איר פון מיר קײן װאָרט ניט. שלאָגט, װיפל אײער האַרץ גלוסט.

דעם שעף איז געװאָרן גאָרניט אָנגענעם. אַזאַ קלײנער יאַטל און ענטפערט אים, דעם שעף, אַזױ האָזעדיק. דערהױפּט איז אים געװען ניט אָנגענעם פאַר זײנע אונטערטעניקעס. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר נאָבעמקעס לעצטע װערטער.

— נו, װעל איך זײ אַרױסשיקן. איך װעל בלײבן אַלײן. עפּשער װעסטו מיר אַלײן ענטפערן מיט אַ פּאַטש צוריק? ער האָט געגעבן אַ װונק און בײדע האָבן פאַרלאָזן דעם צימער.

— נו, רייד, עפּשער וועסטו מיר אַליין ענטפערן?
נאַכעמקע האָט געשוויגן.
— רייד, זאָגט מען דיר.
נאַכעמקע איז געשטאַנען אַ בלאַסער און פון נאָז האָט גערונען בלוט. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און האָט געשוויגן. נאָר די אויגן האָבן געשפּריצט מיט סינע און אַנטשלאָסנקייט.
— באַ מיר וועסטו גאָרנישט דערגיין, האָבן דייטלעך געזאָגט זיינע צוויי ברוינע פייערלעך אין די אויגן.
דער שעף האָט פאַרביסן די ליפּן. אינעווייניק האָט גע־קאָכט — אָבער אַרויסווייזן זיין קאַס פאַר דעם קליינעם שנעק האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אַפּן קאַריק און האָט ביין אַרויסגעזאָגט:
— נו, גוט. מיר ווילסטו ניט ענטפערן, וועלן מיט דיר ריידן מיינע אַגענטן. זיי וועסטו שוין זאָגן, וואָס מיר באַ־דאַרפן.
נאָך ערגער איז געווען מיט הושעניקען. עס האָט זיך אַרויסגעלאָזן, אַז ער פאַרשטייט קיין וואָרט ליטוויש ניט. ער פאַרשטייט נאָר לעטיש. אַז מע האָט געבראַכט אַן אי־בערזעצער, האָט יענער געקאָנט באַ אים דערגיין נאָר איין זאַך: מיט דריי טעג צוריק האָט באַ אים איינער אַ יונגערמאַן געדונגען אַ צימער, האָט אים אָפּגעגעבן דעם פּאַס, האָט אַריינגעפירט דירהאַיקע קאַסטן, און אַליין, האָט ער געזאָגט, וועט ער קומען אין אַ וואָך אַרום, ער האָט ברענגען זיין פרוי... דעם פּאַס האָט ער, נאָר איינגעמעלדעט האָט ער אים ניט, ווייל ער האָט געוואַרט, אַז עס זאָל קומען שוין זיין פרוי אויך.
און מער האָט מען ניט באַ אים, און ניט באַ נאַכעמקען גאָרנישט געקאָנט דערגיין.
דער שעף איז געווען זייער אויפגעבראַכט. ער איז אַרומ־געגאַנגען אַ בייזער, האָט געקלונגען אין טעלעפאָן, האָט

געגעבן פֿאַראָרדענונגען זײַנע דינער, זײ זאָלן אומבאַדינגט אַרױסבאַקומען בײַ די אַרעסטירטע אַלץ, װאָס מען באַדאַרף, אָבער געהאָלפֿן האָט דאָס גאָרנישט.

נאָר מיטאַמאָל איז געקומען אַ יעדיע, װאָס האָט דעם שעף איבעראַשט, װאָס האָט אין אײן מינוט אינגאַנצן אומגעביטן זײַן שטימונג.

די אַגענטן, װאָס זײַנען געגאַנגען מאַכן אַן אונטערזוכונג בײַ שלױמען, האָבן אַנטדעקט אַ גרױסע, אומלעגאַלע דרוקערײַ.

דער אָנפֿירער מיט דער אונטערזוכונג האָט אָנגעקלונגען, מען זאָל שיקן אַ פֿעסטן אָטריאַד מיט זשאַנדאַרמען און אַן אױטאָמאָביל אױף צונױפֿנעמען די דרוקערײַ.

אַלײן דער שעף איז אונטערגעפֿאָרן און האָט איבערגענומען די אָנפֿירונג מיט דער אונטערזוכונג ניט נאָר בײַ שלױמען, נאָר אױפֿן גאַנצן הױף. ער איז געװען צופֿרידן, ער האָט זיך געהיצט, ער האָט געגעבן פֿאַראָרדענונגען, ער האָט געקלונגען אין טעלעפֿאָן צו דעם פֿאָרזיצער פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער סײם-פֿראַקציע, צום אינערן מיניסטעריום...

איצט איז ער אױפֿן פֿערד! איצט קען מען מאַכן אַ גרױסן פּראָצעס. מען קען עס צעפּױקן אין די צײַטונגען, מען קען דערקלערן אין פּאַרלאַמענט, אַז דאַנק דער גרױסער מי און טרײַער איבערגעגעבנקײט פֿון די מיטאַרבעטער פֿון זשװאַלגיבע, האָט זיך אונדז ענדלעך אײַנגעגעבן צו ליקװידירן די געפֿערלעכע נעסט פֿון די מאָסקװער אַגענטן. אומזיסט האָבן אײניקע לײַכטזיניקע מענטשן — אַזױ װײס ער בעפֿירעש — לײַכטזיניקע מענטשן געפּרוּװט באַשולדיקן די זשװאַלגיבע אין דעם, אַז דאָרט זיצן מאָסקװער אַגענטן... זײ זיצן טאַקע, אָבער אין די קאַטערזשנע טפֿיסעס...

אַ גאַנצע נאַכט האָט די זשװאַלגיבע ניט געשלאָפֿן, אַ גאַנצע נאַכט האָט די זשװאַלגיבע געפֿײַערט איר ניצאָכן.

ווען דער שעף איז צוגעפאָרן צו דער רעדאַקציע פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער צייטונג, איז שוין געווען אַזייגער דריי באַנאַכט. די צייטונג איז שוין געווען אינגאַנצן פֿאַרטיק. נאָר דער שעף האָט דורכן טעלעפֿאָן צונויפֿגערעדט זיך מיטן רעדאַקטער, אַז מע זאָל אויסזעצן מיט גרויסע אותיות די דערפֿרייענדיקע ידיעות וועגן דעם גראַנדיעזן אַרעסט.

אַליין דער שעף האָט דיקטירט די אינפֿאָרמאַציעס, און דער רעדאַקטער, וואָס איז עקסטרע צוליב דער גראַנדיעזער געשעעניש, אַראָפּגעפֿאָרן אין רעדאַקציע, איז אַרומגעגאַנגען אַ צופֿרידענער איבערן קאַבינעט און האָט פֿון גרויס סימכע געפּאַטשט איבערן פּלייצע דעם שעף.

— אַ קאָלאָסאַלער איניען! אַ גראַנדיעזער איניען! דאָס איז אַן אַרבעט!

און זשוואַלגיבע איז געווען פֿריילעך. און זשוואַלגיבע איז געווען ליבעדיק. די זשוואַלגיבע האָט געפֿייערט אין ניצאַכן.

.7

## הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן

בײַ דעם ייִדישן מיניסטער, בײַ דעם האָלץ־סוחר און פּאַרזיצער פֿון ציאָניסטישן צעקאַ אין ליטע, בײַ דעם הער סאָלאָווייטשיק, איז אויך געווען פֿריילעך.

היינט איז בײַ אים אַ באַל. עס זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן די גרעסטע לײַט פֿון שטאָט, די גרעסטע גבירים. עס איז אויך אײַנגעלאַדן געוואָרן...

די גאַנצע סאַרײַ פֿון שטאָט איז שוין דאָ... אַלע גרויסע סאָחרים און פֿאַבריקאַנטן און מיטגלידער פֿון ציאָניסטישן צעקאַ זײַנען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש, וועמעס רײַך סערווירט איז

האָבן מיט אַ גוואַלדיקן אינטערעס געהערט דעם מיניסטער און געגעסן זיסיכקייטן.

רעב לייזער איז אויך דאָ געווען.

היינטיקס מאָל האָט דער יידישער מיניסטער, סאָלאָוויטשיק, אַוועקגעזעצט רעב לייזערן לעבן זיך, בײַ זיין רעכטער האַנט.

ער האָט באַזונדערס פריינטלעך געשמייכלט צו אים אין איניקע עדטער פון זיין רעדע.

סאָלאָווייטשיק האָט איבערגעגעבן אַ געשפּרעך, וואָס ער, דער יידישער מיניסטער, האָט געהאַט מיט דעם פּרעזידענט. דער פּרעזידענט האָט אים געזאָגט, אַז צום גרויס באַדויערן זיינען אַלע אַרעסטירטע אָדער יידן, אָדער לאַטיישן, מערסטנטייל און די אַקטיוויסטע — טאָקע יידן. אַלנפאַלס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס מאַכט זייער ניט קיין גוטן איינדרוק און קען שאַפן רייבונגען צווישן דעם ליטווישן און יידישן פאָלק... ער, סאָלאָווייטשיק, האָט אים דערקלערט, אַז די עטלעכע יידן, וואָס מע האָט אַרעסטירט, זיינען גאָר קיין יידן ניט. זיי האָבן שוין לאַנג פאַראַטן אונדזער גלויבן און אונדזער פאָלק. מיר, ציאָניסטן, קעמפן קעגן זיי מיט דער גרעסטער קראַפט. דעם פּרעזידענט איז מיסטאָמע באַוווסט, וויאַזוי מיר באַקעמפן די קאָמוניסטן אין אונדזער הײמאַט, אין פּאַלעסטינע. איך רעכן, אַז דעם פּרעזידענט איז באַוווסט, אַז אַזעלכע יידן איז בײַ אונדז פאַראַן זייער ווייניק, אַז בײַ אונדז זיינען פאַראַן אַזעלכע יידן, וואָס העלפן דער רעגירונג אין זייער קאַמף קעגן די מאַסקווער זשוליקעס און אַפּעריסטן — דער מיניסטער האָט מיט אַ באַוויליקנדיקן שמייכעלע אַ קוק געטאָן אויף רעב לייזערס שטראַלנדיקער באָרד — אַזעלכע יידן, ע מ ע ס ע יידן זיינען בײַ אונדז דאָ ניט ווייניק. דער פּרעזידענט האָט צוגעגעבן, אַז ער ווייס פון זיי און ער אַכטעט זיי זייער.

אזעלכע יידן, האָט געזאָגט דער פּרעזידענט, וויַיזן ווערט מע
זאָל זיי אַכטן. ער האָט דאָס אונטערגעשטראָכן, דער פּרע-
זידענט און האָט צוגעגעבן, אַז די רעגירונג ווייס פֿון זיי
אין גאַנץ האַנק זיי האַלט זיך די פּריוואַטשאַפֿט צווישן ליט-
ווישן און יידישן פֿאָלק.

רעב לייזער האָט אַ גלעט געטאָן זיין שוואַרצע באָרד
און האָט מיט אַ באַזונדער דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויפֿן
יידישן מיניסטער.

דער גאַנצער אוילעם איז געווען זייער אָנגעלייגט. זיי
זיינען געווען זייער צופֿרידן, וואָס דער פּרעזידענט האָט זיך
אַזוי וואַרעם אָפּגערופֿן וועגן די עמעסע יידן. זיי האָבן
געוווסט, אַז דאָס מיינט מען זיי, די באַשעיידענע סאָבּרים פֿון
שטאָט. זיי האָבן אָבער ניט געוווסט, אַז דאַסמאָל האָט
דער פּרעזידענט אָפּגעגעבן דעם גרעסטן דאַנק דעם ראָוו,
רעב לייזערן.

מע האָט געבראַכט וויין, מע האָט אָנגעפֿילט די גלעזער.
אינהערזעלבער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דער
מיניסטער האָט זיך אַ הייב געטאָן און האָט זיך פֿלינק גע-
לאָזן צום טיר. שטיל האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם אוילעם.

— דער שעף!

עס איז געוואָרן אַביסל אומרויק. די געסט האָבן גענו-
מען פֿאַריכטן די שלייפֿן, האָבן גענומען פֿאַרקעמען זייערע
פּליכן און צונעפּצטע בערדלעך. דער ראָוו האָט ראַכוועסדיק
צעלייגט זיין באָרד אויפֿן אַטלעסענעם סורדוט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אינגיכן האָט זיך די טיר גע-
עפֿנט און אויפֿן שוועל האָט זיך באַוויזן דער שעף פֿון דער
זשוואָלגיבע.

דער מיניסטער האָט דערלאַנגט די האַנט דעם גאַסט.

— איך בין העכסט געריהרט, וואָס מיין שטוב האָט באַ-
ערט אַזאַ באַשעיוער גאַסט! באַ אונדז, באַ אַלע-

מען איז היינט א גרויסער יאנטעוו. מיר האבן זיך פארזאמלט, קעדיי בא א גלעזל וויין אויסצודריקן אונדזער צופרידנקייט דערמיט, וואס איך האט זיך איינגעגעבן צו ליקווידירן אזא וויכטיקע פארברעכערישע ארגאניזאציע. מיר דאנקען אייך זייער, הער שעף, און מיר זיינען שטענדיק גרייט אייך מיטצוהעלפן אין אייער גרויסער ארבעט פאר אונדזער פרייער דעמאקראטישער רעפובליק. קיין מאל און ערגעץ ניט אין די גאלעס־לענדער האט זיך אונדזער פאלק אזוי ניט געלעבט פריי, ווי דא, אין ליטע! איך דריק אייך אויס אין נאמען פון גאנצן יידישן פאלק אונדזער דאנקבארקייט.

אלע געסט זיינען אויפגעשטאנען, האבן נאך א בראוואפאטשעדריי גענומען די באקאלן און האבן אויסגעטרונקען פארן געזונט פון דעם שעף פון דער זשוואלגיבע.

דער שעף האטווארעם געדריקט די האנט דעם יידישן מיניסטער און האט פון ווייטן א שמייכל געטאן רעב לייווערן...

ער האט גענומען א באקאל וויין.

— איך בין זייער צופרידן, וואס עס שטארקט זיך די פריינטשאפט צווישן ליטווישן און יידישן פאלק און וואס באם יידישן פאלק זיינען דא אזעלכע באשיידענע און ערלעכע מענטשן, ווי דער הער סאלאווייטשיק, וואס איז געאכט פון דער גאנצער רעגירונג און פון די בעסטע זין פון ליטווישן פאלק, און ווי אייער זייער באשיידענער ראוו רעב לייזער. מיט אזעלכע יידן גרויסט זיך די ליטווישע רעגירונג, אזעלכע יידן האט ליב, די ליטווישע רעגירונג, אזעלכע יידן זיינען ווערט געגרויסט צו ווערן פון גאנצן יידישן פאלק.

דער זאל האט א שטורעם געטאן פון אפלאדיסמענטן.

א נאכט א גאנצע האט זיך וויין געגאסן באם יידישן מיניסטער. א נאכט האט מען געהוליעט.

און אין זשוואלגיבע האט זיך געגאסן בלוט. שלוימע און נאכעמקע און די גאנצע לעטישע פאמיליע זיינען געלעגן צעשלאגענע אין זשוואלגיבע־קעלער.

באזונדערס שטארק האט מען געשלאגן שלוימען און נאכעמקען.

ביידע האבן געקרעכצעט, ליגנדיק אין זייערע ווינקעלעך. ביידע האבן געטראכט וועגן איין זאך:

— נעקאמע!... נעקאמע!...

## 8

## די סימכע איז צעשטערט

דעם טאג, וואס דער שעף פון דער זשוואלגיבע האט גע־דארפט האלטן זיין רעדע וועגן דער ליקווידאציע פון די קא־מוניסטישע ארגאניזאציעס אין גאנץ ליטע, האט זיך אין סיים געקערט וועלטן. אלע זיינע אומגעגאנגען כאדאראם. דער אינערן־מיניסטער איז אומגעגאנגען א צופרידענער בא זיך אין קאבינעט און האט מיט אומגעדולד געווארט אף דער דערעפענונג פון דער זיצונג.

אלע פראקציעס האבן געמאכט זייערע זיצונגען און האבן אויסגעארבעט זייערע דעקלאראציעס. באזונדערס האט זיך געגרייט די סאציאלדעמאקראטישע פראקציע און די ציא־ניסטישע. די סאציאלדעמאקראטן האבן זיך געפילט אביסל אין א פארלעגנהייט. זיי האבן ניט געוווסט, ווי זאלן זיי ארויס פון דער שווערער לאגע: ערשט ניט לאנג האבן זיי געזידלט די זשוואלגיבע, זיי האבן גערעדט עפעס וועגן מאס־קווער אגענטן, און מיטאמאל—אזא געשעעניש. נאר פון דער פארלעגנהייט האט זיי ארויסגעפירט דער פארזיצער פון דער פראקציע. ער האט געזאגט, אז אין דער רעדע דארף מען, פארקערט, אונטערשטרייכן,—איך וואלט זאגאר אנגעהויבן פון דעם — אז מיר, סאציאלדעמאקראטן, זיינען געווען די

ערשטע, וואס האבן געשטויסן די זשוואלגיבע צו ערנסטע מאיסים. מיר זיינען געווען גאנץ אפט שטרענג, אפט צו שטרענג... אבער דאס האט איצט געגעבן דעם הערפאלג. די פארברעכערישע עלעמענטן ווערן ליקווידירט... דאס דער־ווייזט אן איבעריקן מאל, ווי וויכטיק עס איז די ראל פון דער סאציאלדעמאקראטיע אין קאמף מיט די קאמונסטן. דאס טאר מען אף איין מינוט ניט פארגעסן...

דער יידישער מיניסטער, סאלאווייטשיק, האט זיך אויך געגרייט צו דער ארויסטרעטונג... אין דער ציאניסטישער סיים־פראקציע איז איינשטימיק באשלאסן געווארן, אז דער מיניסטער דארף ארויסטרעטן מיט א פאטריאטישער רעדע, אז ער דארף אבער אויך אטווייזן די גרויסע פארדינסטן פון די בעסטע זין פון יידישן פאלק אין קאמף מיט די באלשע־וויקעס. עס דארף אונטערגעשטראכן ווערן די קאלאסאלע באדייטונג פון רעליגיעזע דערציונג פון יונגן דאר און דע־ריבער מוז די רעגירונג קומען צו הילף דעם נאציאנאל־ראט און עפענען העברעישע שולן און גימנאזיעס פאר די יידי־דישע מאסן. דער, ווער עס ענדיקט א שול פון נאציאנאל־ראט, דער וועט שוין זיין געזיכערט פון דער באלשעוויסטי־שער קרענק, ווייל דא דערציט מען זיי אין נאציאנאלן גייסט. די רעגירונג דארף זיין פארינטערעסירט אין פארשטארקן די ווירקונג פון נאציאנאל־ראט און יידישן מיניסטעריום, דאן וועלן זיי קענען קומען צו הילף דער רעגירונג אין קאמף קעגן די קאמוניסטן, וואס געפינען זיך נאך צום באדויערן, — אזוי דארף מען טאקע אונטערשטרייכן: צום באדויערן, — צווישן די פינצטערע יידישע מאסן.

אזוי האט זיך געגרייט דער יידישער מיניסטער צו זיין רעדע אין סיים.

אויך אף לייסונעס אליעס * איז געווען פריילעך. אלע קרע־מער האבן געלייענט און טויזנט מאל איבערגעלייענט די

פרײלעכע יעדיע, אַז, ענדלעך, האָט מען אַנטדעקט די געהײ־ מע דרוקערײ און די גאַנצע נעסט פון די מאָסקװער כעװרע־ לײט. די קרעמערלעך זײַנען געגאַנגען אײנע צו די אַנדערע מיט ״יסגעשטרעקטע צײַטונגען, האָבן געשאָפן רעדעלעך און ״בן דערצײלט פּערושים, װאָס אין די צײַטונגען קען מען ״י ניט דרוקן, נאָר װאָס זײ װײסן געװיס, אַז עס איז אמעס:

— מע האָט דאָרט געפונען פּיסעס און האַמסעס, אַנגע־ בויט אַזױפיל, אַז װו קומט דאָס אַנטקעגן ,לעמאַשל, ״י זאָל איך אײך זאָגן...

נאָר ענדיקן האָט דערהאַזיקער שוין ניט געקענט, װײל װי נאָר אײנער פּלעגט זיך אָפּ אײן סעקונדע אָפּשטעלן פלעגט זיך שוין אַרויסכאַפּן אַ צװײטער.

— הײלן זײַנען דאָרט געװען. מע פלעגט פון דאָרט די פּראָקלאַמאַציעס זײערע אַרויסקײַקלען דורך הײלן און פּע־ סער גלײַך צום נעמאַן און דאָרט פלעגט מען זײ אָפּ שיפעלעך אַריבערשיקן...

— פּאַטאַיעמנע ערטער אַזעלכע, װאָס קײנער װאָלט זײ קײנמאָל ניט דערגײן, װען עפּעס אײנער פון זײערע גופע װאָלט ניט אויסגעזאָגט.

— הײַנט דאַרף מען גײן אין סײם! אײן קלײניקײט — אַזאַ טאָג! מע זאָגט, אַז דער שעף װעט דערצײלן די גאַנצע סײמע, װי עס איז געװען.

— װי קריגט מען בילעטן?

— אַ רענדל אַ בילעט!

— װו נעמט מען טאָקע בילעטן?

— אין נאַציאָנאַל־ראַט. און װעט מען געבן. מע דאַרף שיקן אַ דעפּוטאַציע צום מיניסטער.

* ליסװעס אלײע — „די אלײע פון פרײַהײט“. אזוי הײסט אין קאָװנע די גרעסטע און די רײַכסטע גאס. דאָרט זײַנען אלע גרעסטע געשעפטן. דאָרט װױנע די גרעסטע סאָכרים.

צו צוועלף אזייגער באטאג זיינען אלע ערטער אין סיים געווען פארנומען. אלע דעפוטאטן זיינען געווען אף די ערטער. זיי האבן מיט אומגעדולד געווארט אף דעם מאמענט, ווען עס וועט זיך אנהייבן די זיצונג. שוין פון פריער איז געווען אפגערעדט מיטן פארזיצער, אז היינט זאל מען אראפנעמען אלע פראגן און מע זאל די זיצונג לעכאטכילע אנהייבן מיט דער מיטיילונג פון דעם שעף. אין די קולוארן איז אויך געווען פול. אלע האבן זיך געגרייט, אלע האבן געווארט.

היינט איז געווען א פארשטארקטע וואך. ניט אלעמען האט מען אריינגעלאזן. היינט האט מען אריינגעלאזן נאר פיינגעקליידעטע, אויסגעפוצטע. קיין ארבעטער האט מען היינט גארניט אריינגעלאזן.

נאר א גאנצע גרופע ארבעטער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען איין יידל, מיט א געדיכטער אבער קורצער בערדל, וואס איז געווען ניט גאר פיין אנגעטאן, האט זיך איינגעשפארט און האט אומבאדינגט געוואלט אריינגיין. דער שווייצאר האט די ארבעטער פאר קיין פאל ניט געוואלט אריינלאזן, אבער פון דער זייט האט א שפאר געטאן א גרויסער אוילעם און עס איז אריין אט דאס דאזיקע יידל און נאך א היפשע גרופע ניט גאר פיין אנגעטאנענע לייט.

מע וואלט אט די האזעניקעס טאקע עפשער גלייך ארויסגעווארפן, ווען עס וואלט מיטאמאל ניט אנהייבן קלינגען דער גלעקל. עס איז געווארן א טומל און אלע האבן זיך א שאט געטאן אין זאל.

דער פארזיצער האט געקלונגען. דער אוילעם האט זיך געשטופט צו די ערטער. ענדלעך האט מען זיך צעזעצט.

דער זשוואלגיבע־שעף האט אנגעהויבן זיין רעדע בא א פולשטענדיקער שטילקייט. ער האט גערעדט לאנג און מיט רעמאזים. ער האט געזאגט, אז איינע פון די שכיתישע מעלוכעס, מיט וועלכער זיי לעבן שטענדיק אין פריינטשאפט און

וועלכע עס איז צו זיי אויך זייער פריינטלעך — דערביי האָט ער זיך אָ וויילינקע אָפּגעשטעלט און האָט ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן — האָט געפּרוווט באַרייכערן ליטע מיט אַזאַ מין אַנשטאַלט, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט, וואָס זי האָט אַבסאָלוט ניט געדאַרפט און וואָס, זי האָפט, וועט שוין מער אין ליטע, אין דער פרייער ליטע, ניט זיין. זי האָט באַרייכערט ליטע מיט אַ טעכניש-רייכער אומלעגאַלער דרו-קעריי. נאָר דאָס שאַרפע אויג פון דער זשוואַלגיבע קוקט און זעט. די זשוואַלגיבע האָט געדולדיק געוואַרט. זי האָט פון דעם אַלעם געוווסט פריער, אָבער עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו אַנטדעקן די נעסט. איצט איז די נעסט אַנדעקט געוואָרן. מיר האָבן אויפגעדעקט די פאַרבינדונגען מיט אַלע שטעט פון ליטע און מיר קענען דעם סיים אָנזאָגן, אַז די פאַרברעכערישע קאָמפּאַניע איז ליקווידירט געוואָרן.

פון אַ ווינקעלע האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל אַ שטאַרקע שטים:

—ניין, נאָך ניט ליקווידירט! און איר וועט קיינמאָל ניט ליקווידירן!

פון דריי זייטן מיט איין מאָל האָבן זיך אין דער לופטן אַ הויב געטאָן פעק-ווייז לאַנגע שמאָלע בלעטלעך. ווי פייער-ווערק-ראַקעטן, האָבן זיי זיך דערקליבן ביזן מיט פון באַלקן און פון דאָרט האָבן זיי זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן זאַל און גענומען פאַלן אויף די פליכטוואַטע קעפ פון די דעפּוטאַטן.

עס איז געוואָרן אַ טומלדיקער טומל. מע האָט גענומען לויפן פון די ערטער. דער אוילעם אין די קולואַרן האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקן און האָט אַ שפּאַר געטאָן צום טיר. פּאָליציי און זשוואַלגיבע-אַגענטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם אוילעם און האָבן גענומען אַרעסטירן פאַרדעכטיקע פּער-זאָנען. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען דאָס יידל מיט דער געדיכטער אָבער קורצער בערדל.

דאָס איז געווען זעליק. ער האָט ניצאָכנדיק געקוקט דעם זשוואָלגיבע-אַגענט אין די אויגן.

אָף דער טריבונע איז אַ בלאָסער געשטאַנען דער זשוואָלגיבע-שעף, אַ לאַנג און שמאָל בלעטעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון באַלקן, האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט און איז אַראָפּגעפאַלן אָפן שטענדער צום שעף. ער האָט מיטן אויג אַ כאַפּ געטאָן נאָר צוויי שורעס: די אויבערשטע און די אונטערשטע. אויבן איז געווען דייטלעך אָפּגעדרוקט מיט באַזונדערס פעטע שריפט:

## פראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!

און אונטן איז געווען אויך מיט פעטע אויסיעס אויסגעדרוקט

## צענטראל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ליטע, סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל. אומלעגאלע דרוקעריי פון צעקא.

געהייסן האָט די פּראָקלאַמאַציע: „דאָס טרייפענע געזינדל”. דער צעקאַ האָט געגעבן צו וויסן דער אַרבעטער-מאַסע וועגן דעם טרייפענעם געזינדל, וואָס איז באַשטאַנען פון די אַגענטן פון דער זשוואָלגיבע, פון ראַזו, פון יידישן מיניסטער און פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ליטע און קעגן דער האַטנמאַכט.

דער זשוואָלגיבע-שעף איז געשטאַנען אַ בלאָסער, עס האָבן אים געציטערט אַלע איווערים. ער האָט געקוקט אָף די לאַנגע בלעטעלעך, געקוקט לאַנג און מיטאַמאָל איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. עס האָט זיך אים אַ דריי געטאָן אין קאָפּ און ער איז געפאַלן אָפן שטול.

— פאַרפאַלן... פאַרפאַלן... האָבן געשעפּטשעט זיינע בלאַסבלאָע ליפּן...

# א מײַסע מיט א פעקל

## הירשקעס ערשטע טריט

הירשקע איז געווען א שלאסער. אים איז אינגאנצן געווען ניט מער, ווי אכצן יאר, אבער ער איז שוין געווען גוטע דריי יאר אין דער אומלעגאלער ארגאניזאציע פון די באלשעוויקעס.

געווען איז דאס אין איינער פון די גרויסע שטעט פון דארעם, וואו עס זיינען געווען גאר גרויסע פאבריקן. די באלשעוויקעס האבן געהאט א גאנץ פעסטע ארגאניזאציע.

אמאליקע יארן, פאר דער צארישער מאכט, איז די ארגאניזאציע געווען אן אומלעגאלע. פריי פארזאמלען זיך האט מען ניט געטארט. לייענען אלץ, וואס מע וויל, האט מען אויך ניט געטארט.

צייטונגען פלעגן ארויסגיין בורזשואזע. קיין פראלעטארישע פרעסע איז ניט געווען. די צארישע רעגירונג פלעגט ניט לאזן דרוקן קיין גוטע ארבעטער-צייטונגען. און טאמער פלעגט ארויסגיין אזא צייטונג פלעגט מען זי באלד פארמאכן.

און וואס פלעגט מען טאן?

פלעגט מען שטילינקערהייט, ערגעץ אין א פארווארפן ווינקעלע, באהאלטן פון די אויגן פון פאליציי און זשאנדארמען, איינארדענען אן אומלעגאלע דרוקעריי און דארט

פלעגט מען דרוקן ארבעטער־צייטונגען, פראקלאמאציעס, רעוואלוציאנערע ביכער...

שטילינקערהייט, אז קיינער זאל ניט זען, פלעגט מען דידאזיקע ליטעראטור ארויסנעמען פון דער דרוקעריי און נאכדעם צעפירן עס איבער אלע שטעט פון גרויסן רוסלאנד, צעטיילן דאס איבער די ארגאניזאציעס, און די ארבעטער פלעגן האבן וואס צו לייענען.

אף פאנאנדערפירן ליטעראטור פלעגט די ארגאניזאציע באשטימען אויסגעהאלטענע כאווייריִם, דערפארענע, אזעלכע, וואס וועלן ניט אריינפאלן אין די הענט פון דער פאליציי. טאמער וועט מען זיי כאפן און מע וועט זיי שלאגן און מוטשען, וועלן זיי ניט אויסזאגן, ווו זיי האבן גענומען די ליטעראטור.

הירשקע איז אפילע געווען א יונגער יאט, אבער די ארגאניזאציע האט אים שוין פארטרויט גאנץ ערנסטע אומלעגאלע ארבעטן.

און געטאן האט דאס די ארגאניזאציע ניט אומזיסט.

מיט הירשקען האט אמאל געטראפן אזא מייסע.

עס איז געווען א קאלטע, פראסטיקע און ווינטיקע נאכט. אין שטאט איז געווען אומרויק. צוויי גרויסע פאבריקן האבן זיך געגרייט צו א שטרייק. די אומלעגאלע ארגאניזאציע האט באשלאסן, אז דערדאזיקער קליינער שטרייק זאל זיך פארוואנדלען אין גאר א גרויסן, אלשטאטישן שטרייק.

אין דער אומלעגאלער דרוקעריי האט מען געארבעט דריי טעג און דריי נעכט, מע האט אפגעדרוקט א גרויסע צאל פראקלאמאציעס.

פון דרוקעריי האט מען דידאזיקע פראקלאמאציעס ארויסגעטראגן. איצט האט מען זיי געדארפט פארשפרייטן איבער די ארבעטער־קווארטאלן.

הירשקע איז געווען איינער פון די, וועמען מע האט גענבן פארשפרייטן די פראקלאמאציעס.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ גימנאַזיסטן אָנצוג. האָט אָנ־
געטאָן אויף די פּליצעס אַ רענצל און איז אַוועק שפּאַצירן אי־
בער די גאַסן.

אַלע קעשענעס פון אויבן ביז אונטן און אויך דאָס רענצל
איז בײַ אים געווען אָנגעפּאַקט מיט פּראָקלאַמאַציעס.

גייט ער זיך אַזוי שפּאַצירן איבער די גאַסן און ווו נאָר
אַ קאָרידאָר, גייט ער אַרײַן, שפּאַרט אַרײַן שטילינקערהייט
אין אַ טיר אַ פּראָקלאַמאַציע און גייט זיך, ווי גיט אים מינט
מען, ווייטער.

אַזוי האָט ער זיך דערקליבן ביז די אַרבעטער־קוואַרטאַלן.
דאָרט האָט ער שוין געדאַרפט פּאַרשפּרייטן פיל געדיכטער.
פלעגט ער אַרופגיין אויף אַ הויף, פלעגט ער שוין דעם הויף
גוט „אָנשנייען"... אַזוי איז ער זיך געגאַנגען גאַנץ רויק און
האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט.

גייט ער צוריק פון די הינטערגעסלעך זייער אַ פריילע־
כער, זייער אַ מונטערער. אויפן האַרצן איז אים גוט, ער האָט
אָפּגעטאָן אַזאַ גרויסע אַרבעט, ער האָט אויסגעפילט דעם
כויוו, וואָס די פּאַרטיי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

דער פראָסט ברענט, טשמעליעט די אויערן, שנײַדט אין
פּאָנעם, נאָר הירשקע באַמערקט דאָס ניט: אים איז גוט, פריי־
לעך אויפן האַרצן.

מיטאַמאָל באַמערקט ער, אַז אויף דעם אַנדער טראָטואַר
גייט אַ פּאָר זייער שיין געקלייטעטע, גייט זיך רויק און ווען־
ניט־ווען שלעפּט איינער פון דער פּאָר אַרויס עפּעס פון קעשע־
נע און טיילט דעם אויסעס.

ס'איז אים געוואָרן טשיקאַווע און ער האָט באַשלאָסן גיין
אָנטקעגן דעם פּאָרל, עפּשער וועט מען אים אויך עפּעס איינ־
טיילן, אָבער צו זײַן גרויס באַדויערן האָט ער גאָרנישט ניט
באַקומען. דערפאַר אָבער האָט ער דערזען, ווי איינער אַ

עלטערער ייִד, זייער אָרעם געקליידעט, האָט יאָ באַקומען פון דערדאַזיקער פּאָר אַ בלעטל, ער האָט דייטלעך דערזען, אַז דאָס איז אַ פּראָקלאַמאַציע, אויך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, ווי זיינע. ער איז צוגעגאַנגען צום אַלטן, האָט זיך צוגעשטעלט פון הינטן, קעדיי צו זעען, וואָס דאָרט איז. דער אַלטיטשקער האָט זיך דערשראָקן, האָט אַ דריי געטאָן, ניט ווייסנדיק, וואָס מע האָט דאָס אים אַרייַנגעשטעקט אין האַנט אַריין און האָט פאַנאַנדערגענומען דאָס פּאַפּירל. דאָ האָט שוין הירשקע דייטלעך געזען, אַז דאָס איז דיזעלבע פּראָקלאַמאַציע.

— הייסט דאָס, אַז די צוויי זייַנען אויך כאַוויירים און זיי טוען דיזעלבע אַרבעט, וואָס איך.

ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין געדאַנק, ערשט ער האָט דערפילט, אַז הינטער אים איז געוואָרן עפּעס טומלדיק. ער האָט זיך אַ קער געטאָן און האָט דערזען אַזאַ בילד.

לעבן דעם פּאָרל, וואָס טיילט די פּראָקלאַמאַציעס, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ הויכער ברייטביינּיקער יונגער־מאַן מיט אַן אָנגערוקטער שליאַפּע אויף דער סאַמע נאָז, מיט בלויע ברילן אַזוי, אַז זיין פּאַנעם זעט מען קימאַט ניט. ער האָט אָנגעכאַפּט איינעם פון דער פּאָר פּעסט פאַר דער האַנט און האָט אויסגעשריען:

— סטאָי! איר זייט אַרעסטירט.

— יענער רייסט זיך פון אים און דער צווייטער העלפט אים אַרויסרייסן זיך פון די הענט פון דעם פרעמדן.

— אַ שפּיק. אויסגעשפּיאָנירט די כאַוויירים! מע וועט זיי אַרעסטירן, האָט זיך הירשקע גלייך געכאַפּט.

דער שפּיק איז פלינק אַריינגעקראָכן אין כאַוועירס קעשענע און האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן פּאַק פּראָקלאַמאַציעס. דער צווייטער כאַווער זיינער האָט אָבער



הירשקע האָט אים באלד א זעץ געגעבן מיטן פוס...

מיט קאָעס ארויסגעריסן פון דעם שפּיקס האַנט די פּראָקלאַמאַציעס און האָט גענומען שרייען:

— וואָס שפּאַרט איר פּראָקלאַמאַציעס צו אים אין קעשענע, שפּיק!

עס איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. דער שפּיק לאָזט נים אָפּ דעם כאַוועריס האַנט און שלעפּט זיי אין פּאָליציי-צירקל. ער האָט גענומען שרייען הויך, אויפן קאָל:

— גאראדאוואי!...

שלעכט, וואס טוט מען? מע וועט זיי ביידן ארעסטירן מיט פראקלאמאציעס אין קעשענע. זיי זיינען פארפאלן, זיי וועלן זיצן אין טפיסע עטלעכע יאר.

הירשקע האט זיך א דריי געטאן אהער—אהין, איז פליגק צוגעלאפן צו דעם פארל.

— גיט אהער, גיט מיר, וואס איר האט אין די קעשענעס.

און ניט ווארטנדיק אפ קיין ענטפער, איז ער פליגק אריינ־געקראכן צו איינעם פון זיי און האט ארויסגעשלעפט אלץ, וואס דארט איז געווען.

דער שפיק האט געפרווט אנכאפן הירשקען אויך. נאר הירשקע האט אים באלד געגעבן א זעץ מיטן פוס אין בויך. דער שפיק האט זיך א דריי געטאן און האט אים באלד אפ־געלאזן.

דערווייל האט זיך גענומען קלייבן א גרויסער אוילעם. נאך א פאר מינוט און עס וועט קומען צו לויפן א גאראדאוואי און די כאזיירים וועט מען ארעסטירן.

פליגק האט זיך הירשקע ארומגעקוקט ארום זיך. ער האט דערזען פונווייטן א שטיק האלץ. ער איז צוגעלאפן, האט געכאפט דאס האלץ אין דער האנט און פון הינטן געגעבן א זעץ דעם שפיק איבערן קאפ.

דער שפיק האט זיך א זעץ געטאן אן דר'ערד און האט ניט ווילנדיק אפגעלאזן דעם כאזיירס האנט.

די פאר כאזיירים האבן זיך א שטוים געטאן אין דעם אוילעם, האבן זיך דארט פארלארן. הירשקע איז אוועק נאך זיי.

פון דאן אן האט מען געוווסט פון הירשקען. מע האט אים געקענט, ווי א דרייסטן כאזער, וואס פארלירט זיך ניט בא אומלעגאלער ארבעט, וואס קען ארויסקריכן פון א שווערער לאגע.

אזעלכע פאלן האט מיט הירשקען געטראפן ניט איינער. און אין דער ארגאניזאציע האט מען אים דעריבער גענומען צוציען צו פאראנטווארטלעכער ארבעט.

## דאס פעקל איז דא, נאר...

הירשקע האט נארוואס פארענדיקט די ארבעט. ער איז געווען זייער מיד. אפארבעטנדיק צוועלף שא אף דער פאבריק, האט הירשקע שטענדיק געהאט דערצו נאך פארטיישע ארבעט. עס פלעגט טרעפן גאנץ אפט, אז אים איז אויסגעקומען נאך אזא שווערן ארבעטס-טאג אוועקגיין אף א נאכט אין פאטרול. עס פלעגט זיך פארזאמלען ערגעץ אין א בוידעם-שטיבל א מאסאווקע, א זיצונג פון קאמיטעט, פלעגט מען אזעלכע פארזאמלונגען דארפן אפהיטן, ווי די אויגן אין קאפ. עטלעכע באוויירים פלעגט מען דערצו אויסקלייבן יונגע, פלינקע, געזונטע — פלעגן זיי אומשפאצירן איבער די גאסן און אנזאגן די, וואס גייען אף דער פארזאמלונג, וווהין צו גיין. זיי פלעגן אויך היטן, אז אן אויג פון א שפיק זאל ניט באמערקן וווהין דער אוילעם גייט. טאמער באמערקט מען, אז אף דער גאס וויזן זיך פארדעכטיקע פארשוינען, וואס שפירן נאך, פלעגט מען גלייך איבערגעבן, אז מע זאל אפ-רוימען די דירע, מע זאל זיך צעגיין.

הייגטיקער אוונט איז בא הירשקען גראד געווען א פרייער. ער איז ארויס פון פאבריק-הויף און האט פארקערט אפן וועג, וואס פירט צו זיין היים.

— גאנץ גוט. איך וועל אפרוען, איך וועל לייענען—האט ער זיך געטראכט. און ניט געקוקט דערויף, וואס צו זיין דירע איז נאך געווען גאנץ ווייט, האט ער שוין געפילט די ווארעמ-קייט פון זיין קליין צימערל, ער האט געזען זיין קליין טישעלע, בא וועלכן ער העט שלינגען די אומלעגאלע ציימונגען

מיט לעגינם קלוגע און גוטע ארטיקלען. ער וועט זיך פאַר־שפּאָרן, וועט פאַרהענגען דאָס דין שיטער וועגטל, ווו די אַבאַיעס זייגען שוין צוטרעסקעט געוואָרן און עמעצער קען נאָך פון דעם באַלעבאָס צימער זעען, וואָס ער טוט.

— די אַלטיטשקע זאָל נאָר ניט זעען. באַ איר, באַ דער אַלטיטשקער, איז ער שוין לאַנג זייער פאַרדעכטיק. הירשקע דאַוונט ניט, הירשקע איז ניט פרום. שאַבעס אַרבעט הירשקע און זונטיק רוט ער...

— „אַז ס'איז גאָר אַ גוי, ס'איז ניט קיין ייִד, — פלעגט זאָגן די אַלטיטשקע צו איר זון, אַ קרעמער, שוין אין די יאָרן, ווען ער פלעגט קומען שפּעט אינדערנאַכט פון קראָם — כ'דאַרף טאַקע נייטיק האָבן אַזעלכע שכיינים, וואָס מע טאָר פון זיי דאָס אויג ניט אַראָפּנעמען... ווי נאָר ער גייט אַריין אין קיך, אַזוי באַלד פאַלן מיר איין די בלוטן. ער קען נאָך מיר עפּעס טריף מאַכן... אַ גוי גאָמער...

די אַלטיטשקע טאָר ניט באַמערקן, אַז ער לייענט, ווייל ווי נאָר זי וועט דאָס באַמערקן, אַזוי באַלד וועט זי אָנהייבן צו מאַכן קוילעס און זי וועט אים דורכוואַרפן. דעריבער האָט ער היינט באַשלאָסן פאַרהענגען די וואַנט מיט עפּעס אַן אַלטן בעגעד.

מיט אַ באַזונדער האַנאָע איז הירשקע דאָס מאָל אַריינגע־גאַנגען אין צימער, האָט מיט פאַרגעניגן אָנגעצונדן דעם לאָמפּ...

נאָר דאָ האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

אויפן טיש איז געלעגן אַ בריוו און אויפן קאָנווערט אין ווינ־קעלע אָנטקעגן דער מאַרקע איז געווען אַ קליין קייקעלע — אַ סימען פון דער אָרגאַניזאַציע.

— פון קאָמיטעט, האָט ער אַ ציטער געטאָן, און עפּעס אַ ווינציקער איניען, וויבאַלד, אַז מע שרייבט אין אַ בריוו, אַפּאַ־נעם אַן עקסטרער איניען.

ער האָט פלינק אופגעעפנט דעם קאָנווערט.
אין בריוו זיינען געווען אַ פּאָר קורצע שורעס...
„טייערער הירשקע, קום צו מיר מאָרגן אום זעקס אין אָונט, מיר וועלן גיין ביידע אין טעאַטער, איך האָב בילעטן קאַפּל".
— און גאָר.
— אָבער דער אונטערשריפט „קאַפּל" האָט אים פיל מער גע־זאָגט, ווי הונדערטער שורעס. „קאַפּל" האָט אים פיל מער גע־מוז זוכן ווייטער, אַז אַט דידאָזיקע שורעס זיינען גאָרניט ווערט, אַז מע דאַרף זוכן צווישן די שורעס.
ער האָט פאַרהאַנגען די וואַנט מיט דעם רעקל, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון צוואָק און האָט דעם בריוו געגומען וואַרעמען אָפן לאָמפּ. באַלד האָבן זיך באַוויזן איינע נאָך די אַנדערע שוואַרצינקע שורעלעך אַסאַך־אַסאַך, מיט קליינינקע, דראָבנינקע אויסיעלעך. אַז ער האָט דעם בריוו גוט „דערוואַ־רעמט" און מער האָבן זיך שוין ניט געוויזן קיין שורעלעך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לייענען.
אין בריוו איז געווען געשריבן, אַז לויט אַ ידיעה, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַקומען פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, איז אין באַגאַזשנע שוין פון לאַנג געלעגן אַ גרויסע קאַרב, וואָס קיינער איז אים ניט געקומען אָפּנעמען. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיט דעם קאַרב און זיי האָבן אים געעפנט. דער קאַרב איז געווען געפּאַקט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, אַפּאָנעם, אַז די קוויטאַנציע, לויט וועלכער מע האָט געקאָנט אַראָפּנעמען די ליטעראַטור, איז ערגעץ אָף דער פּאָסט פאַרפאַלן געוואָרן און אין קאָמיטעט האָט מען ניט געוווסט פונעם טראַנספּאָרט־ליטעראַטור.
איצט געפינט זיך די ליטעראַטור אין צימער בא די זשאַנ־דאַרמען און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זיי אַוועקפירן אין אַבראַנקע. די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן זיך דערפון דער־

ווסט און האָבן אָנגעזאָגט אין קאָמיטעט. און דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז מע מוז די ליטעראַטור ווי עס איז ראַטעווען פֿון די זשאַנדאַרמישע הענט. דעריבער דאַרף הירשקע גלייך קומען צו איינעם אַ פּויער, וועמען דער קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן דורכצופֿירן דיזאָזיקע שטיקל אַרבעט, דאָרט וועט ער זיך באַקענען מיט דעם גאַנצן פּלאַן און וועט מוזן נעמען אַן אָנטייל אין דורכפֿירן אים.

די אַרבעט איז גאָר אַ שווערע, אָבער אַז דער קאָמיטעט הייסט מוז מען פֿאָלגן, זאָל דאָס אַפֿילע קאָסטן דאָס לעבן. און ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען מיד, האָט ער זיך גלייך אָנגעטאָן און איז אַוועק אין דעם באַשטימטן אָרט.

## דרײַ זײַנען זיי געווען...

אין צימער איז געווען שטיל. אַרום אַ קליינעם טישל זיינען געזעסן דריי באַחורים, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך הירשקע. איינער אַ פּויער, שוין אַן עלטערער, מיט אַ שוואַרץ בערדל האָט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר געצייכנט דעם פּלאַן פֿונעם וואָקזאַל, די באַגאַזש־קאַנטאָר און דעם צימער פֿון די זשאַנדאַרמען.

— טאָ וועלן מיר מוזן אַזוי — האָט געזאָגט דער פּויער מיט דער שוואַרצער באָרד. — הירשקע וועט מוזן מאָרגן אַרײַנגיין אין דעם צימער צו די זשאַנדאַרמען און וועט מוזן אַ קוק טאָן, ווי גרויס איז דער קאָרב. צוויי טרעגער האָבן מיר דאָרט אייגענע כעווערע, מיטגלידער פֿון אונדזער פּאַרטיי. זיי וועלן אויך דאָרטן זײַן, אָבער זיי וועלן ניט טראָגן דעם קאָרב, דאָס וועלן מיר טאָן, די טרעגער וועלן בלויז אונדז צוהילף זײַן.

— אויפֿן וואָקזאַל וועלן מיר זײַן זעלבעדריט. איך גלויב, אַז זעלבעדריט וועט מען דעם קאָרב קאָנען אַרויסשלעפּן. איר

זעט, אַז אין די פּלאַטפאָרמע — האָט ער אָנגעוויזן אַף זיין צייכענונג, — אַף דער פּלאַטפאָרמע גייען אַרום די פענצטער פון דעם זשאַנדאַרמען-צימער, עטלעכע אייזנבאַן אַרבעטער וועלן אונדז אויך צוהילפיק זיין, אָבער נאָר אַף אַן אַנדער איפן. אַז מיר וועלן זיין אַפן באַן, וועלן מיר זיי געבן צו וויסן. מיר וועלן שטיין איינעווייניק אין קאָרידאָר פון וואַקזאַל, נים וויים פון טיר פון זשאַנדאַרם-צימער. לויט אונדזער סיג-נאַל וועט איינער פון הינטער די פראַכט-וואַגאָנעס געבן אַ וואָרף מיט אַ שטיין און וועט טרעפן אין שויב צו די זשאַנ-דאַרמען. פאַרשטייט זיך, אַז די זשאַנדאַרמען וועלן גלייך אַרויסלויפן אַ קוק טאָן, ווער זעצט דאָרט אין די שויבן מיט שטיינער. אינדערזעלבער זייט, וועלן מיר זיך מוזן אַריינ-רייסן אין צימער און אַרויסשלעפן די קאָרב. די טרעגער וועלן אונדז דערווייל באַשטעלן פורלייט, אַז יעדער פון אונדז זאָל זיך אָפּפאָרן אין באַזונדערע זייטן.

— טאָמער אָבער וועט אַרויסלויפן נאָר איין זשאַנדאַרם און איינער וועט בלייבן, זאָלן מיר געבן צוויפן און זיי וועלן אין אַ ווילע אַרום ווידער אָנהייבן זעצן מיט שטיינער.

— אַלנפאַלס וועלן מיר מוזן פאַרכאַפן מיט זיך אַ גע-זונטע דלאָטע. טאָמער פאַרשליסן די זשאַנדאַרמען דעם צי-מער זאָלן מיר פלינק קאָנען אָפּברעכן דעם שלאָס.

דאָס איז שוין גאָר אַ האַרב שטיקל אַרבעט, און הירשקע האָט עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד געאַרבעט בא זיך אין צימער, ביז ער האָט „אויסגערייניקט" די שטוב פון אומלעגאַלער לי-טעראַטור, ביז ער האָט די ליטעראַטור באַהאַלטן. טאָמער אַרעסטירט מען אים, זאָל אינדערהיים זיין „ריין", וועט ער שוין ווי עס איז געפינען אַ טערוץ.

אַ מידער האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. אָבער שלאָפן האָט ער נים געקענט, ער האָט אַלץ געטראַכט, וואָס זאָל ער זאָגן

די ושאַנדאַרמען, ווען ער וועט אַריינגיין צו זיי אין צימער, וואָס וועט ער זאָגן, אויב מע וועט אים אַרעסטירן א. אז. וו.

גיין האָט מען געדאַרפט אַף דער „אַרבעט“ גאַנצפרי, ווען אַפן וואָקזאַל זיינען וויניק מענטשן, מע זאָל קאָנען בעסער אַנטלויפן. אינדערפרי זיינען ניט אַלע ושאַנדאַרמען אין זייער צימער, עס איז דאָ נאָר א דעזשורנער.

ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט א גאַנצע נאַכט קימאַט ניט געשלאָפן, איז ער דאָך אויפגעשטאַנען צו דער צייט. ער האָט זיך פלינק איינגעוואַשן, האָט אָפּגעגעסן און אַרויס פון שטוב.

אַז ער איז אַרויף אַפן וואָקזאַל, האָט ער באַמערקט, אַז האַרט נעבן באַגאַזשנע, שטייט איינער פון די באַזויירים, אָט דער, וואָס מיט דעם בערדל, און רעדט מיט צוויי טרעגער:

— עפּעס איז מעגליך, אַז איר זאָלט מיר קויפן א בילעט אַף דעם צוועלפאַזייגערדיקן צוג. איך וועל קומען...

הירשקע איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט אויך אַזוי הויך אַפן קאָל א פרעג געטאָן:

— ווי קאָן מען דאָ דערגיין, ווען גייט א צוג אַף מאָסקווע?

דאָס שוואַרץ בערדל האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַפן צימער פון ושאַנדאַרם:

— אָט-אָ-דאָ, באַקבערל.

הירשקע איז אַוועק צו די ושאַנדאַרמען. דאָס בערדל האָט שטילערהייט א זאָג געטאָן צו די טרעגער:

— ער וועט פאָרן מיט דער קאַרזינע... אים דאַרף מען געבן דעם בעסטן פערד...

— גוט...

הירשקע איז אַרויס. דאָס בערדל האָט זיך געווענדעט צו אים:

— נו, ווען גייט דער צוג?

הירשקע איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— דער קאָרב איז ניט גאָר קיין גרויסער, נאָר ער מוז זיין אַ שווערער. דאָרט זיינען דאָ צוויי זשאַנדאַרמען.

אָט דאָס אַלין האָט ער געזאָגט אייגנטלעך ניט מיט ווערטער. ער האָט מער געמאַכט מיט די הענט, איידער ער האָט געזאָגט.

ענדלעך איז געקומען דער דריטער כאַווער.

דאָ האָט מען באַשלאָסן צוטרעטן צו דער אַרבעט.

איינער פון די טרעגער איז אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרמע און האָט געגעבן אַ שטילן קלונג אין גרויסן גלאָק.

הירשקע מיט די איבעריקע צוויי כאַווירים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פונדערווייטן, אין שאָטן, און האָבן געוואַרט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ טראַסק און אין לופטן האָבן זיך צעשאָטן שויבן.

עס איז געוואָרן אַ צעהודערונג, די טיר פון זשאַנדאַרמצימער האָט אופגעפראַלט און מיט אַ צעבלוטיקט פּאַנעם איז אַרויסגעלאָפן איין זשאַנדאַרם. באַלד האָט זיך ווידער דערהערט אַ שטילער קלונג פון גלאָק. און שטיינער האָבן גענומען פליען איינער נאָך דעם אַנדערן.

ווי אַ פייל פון בויגן איז אַרויסגעלאָפן דער צווייטער זשאַנדאַרם. די טיר האָט ער פלינק פאַרשלאָסן.

ווי נאָר ער איז אַרויסגעלאָפן פון קאָרידאָר, האָט הירשקע געגעבן אַ שפרונג צו דער טיר, האָט מיט דער דלאָטע אַ קוועטש געטאָן דעם שלאָס. די טיר האָט אופגעפראַלט און אַלע דריי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין צימער.

אין איין סעקונדע איז דער קאָרב געלעגן בא הירשקען אַף דער פּלייצע. ביידע כאַווירים האָבן געהאַלטן פון ביידע זייטן און אַף אַזאַ אופן האָט מען אים אַרויסגעטראָגן אַף דער גאַס. איינער פון די טרעגער האָט געהאַלטן אַ פערד פאַר דער צוים. אַף דעראַזיקער פור האָט זיך הירשקע אַוועקגעזעצט און איז פייל אויס בויגן אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין.

די איבעריקע כאַווערים האָבן אויך גענומען פּורלייט און זיינען אַוועקגעפאָרן אין פאַרשיידענע גאַסן.

הירשקע איז געזעסן אַף דעם קאַרב אַ בלאַסער, און אופּגערעגטער און האָט שאַרף געקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון די גאַסן, 'צי יאָגט מען אים ניט נאָך.

אַף די גאַסן איז נאָך געלעגן די נאַכט. ערגעץ ווו הינטער דער שטאָט האָט שוין גענומען טאָגן און דער האָריזאָנט פון מיזרעך-זייט האָט זיך שטאַרק גענומען בלייכן, נאָר דאָ אין די אַלייען פון די גאַסן, צווישן די הויכע טירעדן איז נאָך דער טאָג ניט געווען קענטיק.

הירשקע האָט געהאַט אַ מאַרשרוט. ער האָט געוווסט, אַז אַפּלויפּנדיק עטלעכע גאַסן, דאַרף ער פאַרקערעווען אַף ניקאָלאַיעווער גאַס, דאָרט נעבן אַ שטוב וועט שוין שטיין דאָס בעקדל און וועט אים זאָגן וווהין צו פאָרן ווייטער.

ענדלעך איז מען געקומען עפּעס אין אַ שמאָל געסל מיט גאָר הויכע מייערן אַזוי, אַז דאָ איז געווען שטאָק-פינצטער. נעבן אַ הויכן מויער האָט זיך די פור אָפּגעשטעלט. דער טויער האָט זיך פלינק געעפנט און האָט איינגעשלונגען דעם קאַרב מיט הירשקען.

דאָרט אָבער לאָזן דעם קאַרב האָט מען ניט געטאָרט. ווייל איבּ די זשאַנדאַרמען האַלטן געפּאַקט דעם פורמאַן, האַלטן ווי אים געגרייט, ער זאָל ווייזן וווהין האָט ער געבראַכט דעם „פּאַסאַזשיר". דעריבער האָט מען באַלד באַשלאָסן אויסצולייזידיקן דעם קאַרב.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָבן אין דעם הויכן טויער גענומען גיין איינע נאָך די אַנדערע פורן מיט האָנט-קערבלעך. גייענדיק אַהין פלעגן זיי, דוכט זיך, זיין גאָר דאַרע, אָבער צוריק, פון טויער, פלעגן זיי שוין אַרויסגיין פולע, דיקע מיט אָנגעפילטע קערבלעך און פון אויבן פלעגן ליגן יאַסעמדיק עטלעכע בוריקלעך, אַ פּאָר מערן, אַ פּאָר רעטעכער...

פאר א פאר שא האט מען דעם קארב אויסגעליידיקט.

א רויקער, א צופרידענער, מיט א געפיל פון פרייד פאר דער גרויסער אפגעטאנענער ארבעט, איז הירשקע אוועק צהיים, האט זיך אויסגעטאן און אריינגעווארפן זיך אין בעט צריין...

באלד איז ער איינגעשלאפן.

פון הינטער דער וואנט האט די אלטיטשקע א קוק געטאן דורכן שפאלט פון די צעפלאצטע אבאיעס, האט באהויערנדיק א שאקל געטאן מיטן קאפ און האט שטילערהייט ארויסגעשעפטשעט:

געשיקערט ערגעץ, מסתמא, גאט זאל ניט שטראפן פאר די רייד. אז מעווארפט אראפ פון זיך דעם יאך פון יידישקייט, וואס דען וועט זיין?...

# דער ערשטער פאָרשלאָג

## (אַן עפּיזאָד פון אַמאָליקע שווערע צײַטן)

### 1

אונדזער שײַד=אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אַרויסלאָזן אַ בלעטל איבער אײנע פון די וויכטיקע אָרטיקע געשעענישן. איך בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין אַ צימער, האָב געשריבן דאָס בלעטל און שפּעטער געדרוקט עס אַף אַ העקטאָגראַף. איך בין נאָך דאַן זייער יונג געווען און ווייניק דערפאַרן. מײַנע עלטערע כאַווײרים האָבן מיך צוגעצויגן צו אַזאַ אַרבעט מי־נאַסטאַם דערפאַר, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען ווייניק אַזעל־כע, וואָס האָבן געקענט אָנשרײַבן אַ בלעטל. בײַ מיר איז אויך געווען אַ גוטער קסאַוו=יאַד.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אין האַרצן שטאַרק גרויס געהאַלטן, וואָס איך האָב געקראָגן אַזאַ קאָנספּיראַטיווע אַר־בעט, ווי אָנשרײַבן און אָפּדרוקן אַ פּראָקלאַמאַציע. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַף דער „בירזשע" וועלן הונדערטער אַרבעטער לייענען די פּראָקלאַמאַציע און ריידן וועגן איר, און איך, דער לעבעדיקער באַשעפער פון דער פּראָקלאַמאַציע, וועל אומגיין צווישן זיי, וועל זיך צוהערן ווי זיי לויבן די פּראָקלאַמאַציע און זיי וועלן ניט וויסן, ווער איז איר אויטאָר. די גוואַלדיקע קאָנספּיראַציע, וואָס די פּאַרטיי האָט אַנטוויקלט בײַ אירע מיטגלידער פון דער ערשטער מינוט, ווי זיי האָבן נאָר אַריבערגעטראָטן איר שוועל, האָט מיר ניט דערלויבט

צו זאָגן, ווער איז דער אויטאָר, אַפילו מיינע אייגענע פריינט, מיט וועלכע איך פלעג טיילן אַלע מיינע יוגנט־ליידן און יוגנט־פריידן.

איך בין געגאַנגען גאַנץ שפּעט באַנאַכט אַהיים. אַ מידער אָבער אַ גליקלעכער, ווי עס קען נאָר זיין גליקלעך אַ יונגער קעמפער, וועלכער האָט אויסגעפירט אַ וויכטיקע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, וואָס די־פּאַרטיי האָט אַף אים אַרויפגעלייגט. איך האָב געקוקט אַפן טיפן בלוי־שוואַרצן הימל, אַף די זיל־בער־ווייסע שטערנדלעך, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אויך זיי ווייסן וועגן קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן, וואָס מיר טוען דאָ אָפּ אַף דער ערד. און די פּוידעסדיקע שטילע נאַכט האָט מיין פאַנטאַזיע געוועקט און איך האָב זיך געמאָלט פאַרשיידענע בילדער וועגן קאָלאָסאַלע אַרבעטער־שטרייקן אַף פאַבריקן, ווי איך טרעט אַרויס מיט פלאַמענדיקע רעדעס, אָנגעטאָן אין אַ מאַסקע, אַ פאַרגרימירטער, און שפּעטער, נאָך דער רעדע, רינגלען מיך אַרום אַ פּאָר אייגענע כאַווערים, טוען מיך דאָ אַפן אָרט איבער, נעמען אַראָפּ דעם גרים און איך ווער פאַרפאַלן צווישן די מאַסן אַן אומבאַקאַנטער. איך האָב אויך געטראַכט וועגן אַן אומלעגאַלער דרוקעריי, וועלכע איך וועל איינאָרדענען ערגעץ אונטער דער ערד, דאַפקע אונטער דעם גובערנאַטאָרס מויער, און די ערשטע פּראָקלאַמאַציע וועל איך אומבאַדינגט אויפקלעפּן בײַ אים אַף דער טיר, אָדער איך וועל זי אַריינשיקן אין אַ קאָנווערט צו אים גלייך אין קאַנצעלאַריע אַריין.

ביים איך בין געקומען אַף דער גאַס, ווו איך האָב געוווינט, האָב איך זיך גוט אַרומגעקוקט, צי האָב איך עמעצן ניט „פאַרשלעפּט“ מיט זיך, צי באַהאַלט זיך ניט עפּעס אַ שפּיק ערגעץ אין די באַנאַכטיקע שאָטנס און שפּירט מיך ניט אויס. איידער איך בין אַריין אין טויער, האָב איך זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, און אַז איך האָב זיך איבערצייגט,

אַז קיינער־שפּירט מיך ניט נאָך, האָב איך אָפּגעעפנט דאָס טווער־פּעַקל. דער הויף פון מיין הויז איז געווען אַזוי קליין, אַז מיט איין בליק האָט מען אים געקענט אַרומכאַפּן און זען, צי איז עמעצער דאָרטן פאַראַן. אַז איך האָב צוגעמאַכט דאָס פענצטל, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פענצטער פון מיין צימער. דער פענצטער האָט ווי אַ בלינד אויג געטאַרט־שעט אויף דער וואַנט צווישן אַלע ליכטיקע פענצטער אַרום אים. הייסט עס, אַז בײַ מיר איז קיינער ניטאָ און איך קען רויק גיין אין שטוב אַריין.

אויפן טיש איז געלעגן אַ פאַרמאַכטער קאָנווערט, אויף וועלכן עס איז געווען מיט געמאָלט־געבראָכענע אותיות אָנגע־שריבן: „דעם שילער פון פינפטן קלאַס“. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פון איינעם פון אונדזערע געהיימע כאַווירים. פלינק האָב איך אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

„ליבער פריינט!

איר האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען אַ בוקעט בעז. פאַר־וואָס האָט איר ביז אַהער ניט געבראַכט? איך וואַרט אויף די בלומען מאָרגן ביז 9 אַזייגער אינדערפרי, נאָכדעם מוז איך אַוועק אין גימנאַזיע. סטאַרעט זיך, אַז די בלומען זאָלן זיין פרישע. פאַרדאַרטע האָב איך ניט ליב.

אייער קאַפּריזנע אָליאַ“.

אויפן פּאַשעטן מענטשלעכן לשון האָט דאָס געהייסן אומ־געפער אַזוי: — „קומט מאָרגן, ניט שפּעטער פון צוויי אַזייַ־גער (מע פלעגט שטענדיק האַרפּן צוגעבן 5 שעה צו די, וועל־כע עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אין צעטעלע). סטאַרעט זיך קוי־מען אומבאַמערקט. עס איז דאָ אַ וויכטיקע פּאַרטיי־שליכעס“.

דאָס האָט מיך אינגאַנצן איבערראַשט. דער בריוו גייט פון „קאָלעקטיוו“. הייסט דאָס, אַז אין קאָלעקטיוו ווייסט מען אויך פון מיר, און מע וויל מיר געבן אַ וויכטיקע פּאַרטיי־שליכעס. מאָרגן וועל איך זען איינעם פון די געהיימע כאַ־

ווירים, וואָס מיר, „מאַסאַזשיקעס", האָבן קיינמאָל ניט געזען, און אַרום וועלכע עס האָט זיך אין אַנדערע קינדערשע מויִ־ כעס געשאַפן גאַנצע לעגענדעס. אַ „מענטש", וועלכן דער צעקאַ האָט ספּעציעל אַהער געשיקט אויף „אַרבעט", דאַרף זיין ניט קיין געוויינלעכער מענטש. דאָס צעים־וואָרט „צעקאַ" האָט מאָדנע געהיימניספול געקלונגען און האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטעלונג פון עפּעס אומגעוויינלעכעס, איבערמענטש־ לעכעס. און איצט וועל איך האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון צעקאַ אַליין!

איך בין נאַטירלעך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איין זאַך האָט געררייצט מיין יונגע און גאַנץ רייכע פאַנטאַזיע: וואָס פאַר אַ וויכטיקע שליכעס וויל דאָס מיר איבערגעבן דער „קאָלעקטיוו" און „דער מענטש פון צעקאַ"? אַז דאָס איז זייער אַ וויכטיקע שליכעס, האָב איך פאַרשטאַנען פון דעם קאָנספּיראַטיוון אָרט שרייבן. עפּשער טאַקע איינאָרדענען אַן אומלעגאַלע דרוקעריי? אָדער פאָרן ערגעץ אין אַ שטאָט „איינשטעלן די אַרבעט"? אַז איך טויג נאָך דערצו ניט, האָב איך זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט: ווײַבאַלד מיט מיר וועט רעדן „דער מענטש פון צעקאַ" אַליין איז ניט שייער. איך בין געווען גליקלעך איבער־גליקלעך. איך האָב זיך מיר פאָר־ געשטעלט, ווי אַזוי איך וועל שפּעטער ריידן מיט די כאַווי־ רים פון מיין קרייזל. איך וועל מיט זיי ריידן, ווי אַן עלטערער מענטש, גרויס וועל איך זיך ניט האַלטן — דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ קעמפּפער. פאַרקערט, איך וועל זיין זייער באַשיידן, וועל ריידן שטיל, געלאַסן, ווי עס רעדט אַ מענטש פון צעקאַ...

מאָרגן 2 אַזייגער! ווי דערלעבט מען שוין יענע גליקלע־ כע צייט?!..

אַזייגער 7 אינדערפרי בין איך שוין געווען אויף די פיס. איך האָב געוווסט, אַז עס איז נאָך צו פרי, אַז פריער פאַר 9 קען איך ניט דערגיין העם־אַדרעס, וועלכן איך דאַרף האָבן,

אָבער ליגן אין בעט איז פֿאַר מיר ווײַטער געווען אומעגלעך. איך האָב זיך אַף האַלב אָנגעטאָן, האָב גענומען אַרומשפּאַנען איבער מײַן קליינעם צימער און האָב אַלעווײַלע אַרײַנגעקוקט אין דעם שפּאַרונקעלע, וואָס האָט געפֿירט אין דעם צווייטן צימער, ווו עס איז געהאַנגען אַ גרויסער וואַנט-זייגער. איך האָב דאָס מאָל באַזונדערס פֿיל געוואַשן זיך, האָב לאַנג געדרייט זיך באַם אָנטאָן זיך, כּדי די צײַט זאָל זיך ניט ציִען אַזוי פּאַמעלעך. איך האָב געפּרוּווט נעמען עפּעס וואָס לייענען, נאָר ניט דערענדערנדיק די פּראָזע, וואָס איך האָב אָנגעהויבן, האָב איך שוין דאָס בוך פֿאַרמאַכט און בין ווידער אַוועק שפּאַנען איבערן צימער. און דער זייגער האָט זיך ניט גערוקט פֿון אָרט, אַקוראַט ווי עמעצער וואָלט אינ-ווייניק געזעסן און אײַנגעהאַלטן די ווײַזערלעך.

— אײַער זייגער קריכט, דוכט מיר, עס מוז שוין זײַן שפּעטער. עפּעס איז אַזוי ליכטיק אַף דער גאַס, ווי אין מיטן טאָג — אַזוי זאָג איך צו מײַן באַלעבאָס, אַ וואַלד-מעקלער, וואָס זיצט באַ אַ צײַטונג און קוקט איבער וויפֿל פּליטן זײַנען פֿאַרן נעכטיקן טאָג אָנגעקומען אַפֿן טײַך. גאַנץ קאַלטבלוטיק נעמט ער אַרויס זײַן טאַשן-זייגערל, ווישט אים גאַנץ קאַלטבלוטיק, ווי ער וואָלט זיך מיט מיר געריצט, דאָס גאָלדן דעקל. ער טוט אַ בליאַסק מיט דעם פּאָר מײַנע אויגן, און עס צעשטראַלט זיך ווי די בריליאַנטן. ער טוט גיך אַ קוק אַף זײַן זייגערל און אַף דעם וואַנט-זייגער.

— פּונקט, אין מינוט. נעכטן פֿאַרנאַכט אַף דער פּאָסט אָנגעשטעלט.

און געדוכט האָט זיך מיר, אַז ער לייגט, אַז ער רייצט זיך מיט מיר. איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און בין אַרײַן צו מיר אין צימער.

דעם אָדרעס פֿון דעם „מענטשן פֿון צעקאַ" האָב איך, נאַטירלעך, ניט געוווּסט. איך האָב פֿריער געדאַרפֿט קומען

צו מיין „פאַרשטייער" און ער האָט מיר געדאַרפט אָנווייזן אַף דעם אַדרעס און פון דאָרטן וועל איך דערגיין ווייטער. איך בין ווייער פאַרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען אַף דער גאַס, — יעדער מענטש איז בא מיר געווען פאַרדעכטיק, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז היינט קוקט מען מיר נאָך באַזונדערס. איבער צענדליקער גאַסן, איבער וועלכע איך האָב גאָר ניט געדאַרפט גיין, בין איך געגאַנגען. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ היפשע צאָל טויערן און פון דאָרט אַרויסגעקוקט, צי גייט מען מיר ניט נאָך. ענדלעך בין איך אַריין צו מיין „פאַרשטייער".

ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז 12 דעם זייגער דאַרף איך זיין אין „אָן אָרט".

צו דער צייט בין איך געקומען לויט דעם אַדרעס. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען פּאַשעט געקליידעט, אָבער מיט געשמאַק. עס איז געווען איי־נע פון יענע בורזשואַזע הייזער, וואָס פלעגן אָפטמאָליקע יאָרן דינען אונדז פאַר קאָנספּיראַטיווע וווינונגען און אַדרעסן. אַז איך האָב איבערגעגעבן דעם פּאַראָל, האָט זי מיך געבעטן זיצן און אָנגערופן „באָזיער". אַדאַיעם געדענק איך דעם כּנעוודיקן פּנים פון דעם מיידל, וואָס האָט זיך אַוועקגע־זעצט אַנטקעגן מיר, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אַף די קני, זי האָט מיר גלייך מיט אַ מאָדנעם האַרציקן שמייכל געקוקט אין די אויגן אַריין, געלייענט אַ לעקציע וועגן קאָנספּיראַציע און וועגן דעם, ווי מע דאַרף זיך האַלטן, ווען מע אַרעסטירט. איך האָב איר פּאַשעטן פריינטלעכן בליק ניט אויסגעהאַלטן. מיין פּנים האָט זיך געדיטלט, און גאַנץ אָפט פלעג איך אַראָפּלאָזן די אויגן, אָנהייבן אָפּקראַצן קליימערשט עפּעס אַ פלעק פונעם אַרבל.

איך בין פון איר נישט דערגאַנגען אַף וואָס פאַר אַן אַרבעט מע שיקט מיך, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז די אַרבעט דראָט מיט געפאַר אַרעסטירט צו ווערן. איך האָב זיך מער

אָנגעשטרענגט און בין געוואָרן נאָך ערנסטער. געשיקט בין איך געוואָרן צו איר, ווי איך האָב זיך דאָס פון דער ווײטערדיקער פּאַרטײ־פּראַקטיק דערוווּסט, צוליב דעם, אַז זי זאָל זיך מיט מיר באַקענען, וואָס פאַר אַן אײנדריק וועל איך מאַכן אַף איר. אויב אַ גינסטיקן אײנדריק — שיקט זי מיך ווײטער, אויב ניט — פּאַטערט זי מיך אָפּ מיט אַ קלײניקײט, און מיט דעם פאַרענדיקט זיך מײן שליכעס.

אַפּאַנעם, אַז איך האָב אַף איר געמאַכט ניט קײן שלעכטן אײנדרוק. נאָך אומגעפער אַ האַלבע שאָ שמועסן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז צו 2 אַזײגער דאַרף איך אַרײנגײן צום טערק אין קאַפע. נעבן אײנעם פון די טישלעך וועט זיצן אַ מענטש אין אַ שוואַרצער פעלערינע און וועט מאָלן אַף אַ פּאַפּיר אַ מענטשעלע. איך דאַרף זיך זעצן בײם זעלבן טישל, אַראָפּנעמען דאָס היטל, אויפהענגען אַפן שטול און גלײך ווידער אָנטאָן. דאַן וועט דער מענטש אין דער פעלערינע אַ קוק טאָן אַף דער גאַס און וועט שטילערהײט זאָגן: „פײגעלעך פליען", דאַרף איך אים ענטפערן: „נײן, זײ פליִען". דאַן הײבט ער זיך אויף און גײט אַוועק און לאָזט איבער אַפן טיש דאָס פּאַפּירל מיטן מענטשעלע. אַף דער אַנדערער זײט וועט זײן אָנגעשריבן, אויך, נאַטירלעך, פאַרשטעלט, דער אַדרעס, די צײט און דער פּאַראָל.

ענדלעך בין איך געקומען צום „פאַרשטײער פון צעקאַ".

עס איז געווען פאַרנאַכט און אין צימער איז געווען האַלב טונקל, נעבן טיש איז געשטאַנען אַ בלאַסער יונגערמאַן פון אַ יאָר 25, מיט אַ קלײן בערדל, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ העמדל. איך האָב געזאָגט דעם פּאַראָל. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר געדריקט די האַנט און האָט מיט אַ ווײכער הײזעריקער שטים געזאָגט.

— איר ווײסט, כאַווער,—די פּאַרטײ לײגט אַף אײך אַרויף זײער אַ שווערע אַרבעט. מע דאַרף זי קענען דורכפירן.

איך דאַרפֿט פֿאָרויס וויסן, אַז אויב איך וואַרפֿט דורך די זאַך, קענט איך באַקומען קאַטאַרגע און מיר וועלן מוזן בייטן די דירעס. אַנטשולדיקט, כאַווער, איך וויל אײַך, באַלילע, ניט באַליידיקן, נאָר איר פֿירט אים פֿאַר אונדז דאָס ערשטע מאָל אַ וויכטיקע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, מוזן מיר זײַן פֿאַר־זיכטיק.

געדאַרפֿט האָב איך אַריבערפֿירן פּראָקלאַמאַציעס צום 1־טן מײַ קיין דווינסק.

נאָך דעמאָזיקן געשפּרעך מיט דעם „מיטגליד פֿון צע־קאַ", בין איך עפּעס ווי עלטער געוואָרן. איך האָב מיט־אַמאָל דערפֿילט די גרויסע היכבייעס, וואָס עס ליגט אַף מיר.

איך האָב אויפֿגעהערט צו זײַן אַ „יונג ייִנגל", איך האָב אויפֿגעהערט צו „שטיפֿן", כ׳האָב גערעדט פֿיל גלאַסענער, געסטאַרעט זיך נאָכמאַכן דעם „פֿאַרשטייער פֿון צעקאַ", צו ברויכן מער „וויסנשאַפֿטלעכע" ווערטער, אַזוי עס זאָל אויס־קומען, ווי אַ גרויסער.

דריי מעסלעס האָב איך געברענט ווי אַ פֿײַער. שטאַר־קער פֿון אײַזן בין איך געווען, אַז איך האָב ניט דערציילט יעדן פֿון מײַנע באַקאַנטע, אַז איך בין באַשטימט אַריבער־פֿירן פּראָקלאַמאַציעס. איך שטעל זיך פֿאָר, ווי איך וואָלט מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן אין די אויגן פֿון מײַנע באַווי־רים!

דער גוואַלדיקער כי יעק צו טאָן עפּעס, „ברענגען נוצן", איז געווען אַלגעמיינלעך גרויס. יעדער פֿון אונדז, יונגע, האָט מאַמעש געברענט.

איך האָב געבויט פֿאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי איך וועל אַריבערפֿירן די פּראָקלאַמאַציעס אומבאַמערקטערהייט. עס האָבן זיך מיר פֿאָרגעשטעלט שרעקלעכע בילדער, און אין דערוועלבער צײַט זייער שפּאַנענדיקע. אָט האָט זיך מיר

געדובט: איך זיין אין וואגאן און קוק אין פענצטער. ארום
מיר זיצן עטלעכע אלטע יידן מיט יידענעס. לעבן מיר
ליגט דאס פעקל. מיטאמאל — דער צוג הייבט אן צו גיין



אנו-קא, מאשקע, דו פירסט פראָקלאמאציעס?

שטילער און ער שטעלט זיך באלד אפ. עס איז אין מיטן
פעלד.

עס גייען אריין זשאַנדאַרמען. אין דער שווייגנדיקער קופע זוכט מען. זיי דערנענטערן זיך צו מיר.

— דאָ איז ניטאָ וועמען אַרומצוזוכן, דו זעסט דאָך: אַלטע לייט — זאָגט איין זשאַנדאַרם צום צווייטן.

— אַט יענעם באָבערל וואָלט מען געדאַרפט אַ טרייסל טאָן: ער איז מיר פאַרדעכטיק.

— אַט דעם פּוזיק (קליינינקן)?

— יאָ.

— אַנו־קאָ, מאַשקע! דו פירסט פּראָקלאַמאַציעס, זאָג דעם עמעס? דיר וועלן מיר גאָרניט טאָן. מיר דאַרפן נאָר האָבן די פּראָקלאַמאַציעס.

איך קוק אומבאַהאָלפן אויף די זשאַנדאַרמען, אויף די אַלטע יידן און פרעג בײַ איינעם פון זיי — וואָס רעדט ער. איך פאַרשטיי קיין איין וואָרט ניט.

איינער פון די יידן ווענדט זיך צום זשאַנדאַרם:

— ער פאַרשטייט קיין רוסיש ניט, ער פאָרט פון דער יעשיווע.

— לאָמיר אים איבערלאָזן צו אַלע טייוולאָנים, קום — און זיי גייען אַוועק.

איך בין אַזוי צופרידן פון דעם איינפאַל, אַז איך שפּרינג אַראָפּ פון סאָפּקע און הייב אָן פלינק אַרומגיין איבערן צימער.

.2

דער פּלאַן מײַנער איז געווען פאַרטיק. איך נעם מיט זיך אַ קליין קעדבעלע, אין וועלכן איך לייג אַריין אַ קאָ־סטיום, אַ פּאָר טפילן, אַ אַרבע־קאַנפעס, עטלעכע ספרים. איך פאַר געקליידעט ווי אַ פּויליש באָכערל, מיט אַ פּויליש־כסידיש היטעלע, מיט פּייעס, איך מאַך זיך מיר אומבאַדינגט אַ קליין בערדעלע. די „מאַצעס“ (פּראָקלאַמאַציעס) לייג איך

אַוועק אונטן אין קאָרב און פון אויבן — די „הייליקע“ ספאָרים.

מײַן פאַנטאַזיע האָבן מיר אָבער די כאַווערים אַביסל צעשטערט. די פראָקלאַמאַציעס האָב איך געמוזט אַרומ=בינדן מיט שטריקעלעך אַרום זיך. איך בין איבער דעם אומגעגאַנגען ווי א קראַנקער: שטיל, ניט געקענט איינבויגן זיך. איך האָב זיך די גאַנצע צייט געפילט זייער שלעכט. אויסערדעם האָט מען מיר פאַרזוערט אָנצוטאָן א בערדל: כע וועט קענטיק זיין, איך קען נאָך דורכפאַלן. שטילערהייט בא זיך האָב איך באַשלאָסן, אַז א בערדל וועל איך זיך פאָרט מאַכן. אָבער אַז מע האָט מיר געזאָגט, אַז איינער פון די כאַווערים וועט זיין אָפן וואָקזאַל און וועט זען, צי בין איך בעשאָלעם אַריין אין וואַגאָן, האָב איך זיך געמוזט אָפזאָגן פון דעם פלאַן.

שוין פון אינדערפרי אָן, האָב איך די שפאַרונקעלעך, וואָס פירן צום באַלעבאָס אין צימער, פאַרהאַנגען מיט א האַנטעך. בא דער טיר האָב איך דעם באַלעבאָס געמאָלדן, אַז איך פאָר אָפ אָף א פאָר טעג צו מיינעם א כאַווער אין דערבייקן קליינשטעטל, איך האָב פון אים געקראָגן אַן איינלאַדונג.

ענדלעך בין איך אַריין אין וואַגאָן. עס איז שווער איבער=צוגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר דער האַלבער שאָ, וואָס דער צוג איז געשטאַנען אָף דער פלאַטפאָרם. דער זשאַנדאַרם מיט דער בלאָס=ווייסער מונדירקע, מיט דעם שווערד אָף א זייט, וואָס איז רויק אַרומגעגאַנגען איבער דער פלאַטפאָרם, און געוואָרפן אַן אויג אָף דעם אָפענעם פענצטער, נעבן וועלכן איך בין געזעסן, האָט מיך מאַמעש רוען ניט געלאָזט.

עס האָט זיך מיר שטענדיק געדוכט, אַז ער מיינט עפעס מיט זיין רויקן שפאַנען, אַז ער ווייסט בליסאַפעק,

אַז איך פֿיר „מאַנעפּ", נאָר ער וואַרט אַף עמעצן. באַלד וועלן אָנקומען נאָך זשאַנדאַרן, וועלן אַרומרינגלען דעם וואַגאָן און וועלן מיך אַרעסטירן. בײַ יעדן קלאַפּ פֿון טיר פֿליִ איך זיך פֿאַרהויבן אין אַ ווינקעלע און מאַכן זיך, אַז איך שלאָף.

ענדלעך, האָט זיך דער צוג גערירט פֿון אָרט און איז לאַנגזאַם אַוועק פֿון שטאָט. איך האָב זיך אינגאַנצן באַרויִקט און האָב זיך דערפֿילט, ווי איך וואָלט זיך נאָר וואָס געראַטעוועט פֿון אַ גרויסער געפֿאַר.

אַז דער צוג איז אַוועק ווײַט אונטער דער שטאָט און האָט שאַרף גענומען שנײַדן די נאַכט-פֿינצטערניש, האָב איך גענומען באַטראַכטן דעם עולם מיט וועלכן איך זיץ. אַנטקעגן מיר זײַנען געזעסן צוויי עלטערע ייִדן, אַריסטאָקראַטיש-אַלטמאָדיש געקליידעט, און האָבן געפֿירט אַ געשפּרעך וועגן פּליטן, וועגן די הויכע פּרײַזן אַף האָלץ. איינער פֿון זיי איז געווען אַ ייִד פֿון אַ יאָר זעכציק, מיט גאָלדענע פּענסנע, מיט אַ קליין שפּיציק בראָדאָווקעלע אַף דער נאָז, מיט אַ גרויסער גרויער באָרד, וואָס האָט צוגעדעקט זײַן גאַנצן ברוסט-קאַסטן. דער צווייטער — אַ ייִד פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט רויטע בעקעלעך, מיט אַ שוואַרץ-גלאַנציקער באָרד, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין גלעטן.

אין קופּע זײַנען געווען נאָך צוויי פּערזאָן, ביידע יונגע, רידעוודיקע, געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע. געפֿילט האָבן זיי זיך ווי אינדערהיים: צעלייגט די גרויסע טשעמאָדאַנעס, האָבן זיי פֿון דאָרט אַרויסגענומען גרויסע וועגלעזער און מעטאַלענע הענטעלעך, האָבן צעלייגט אַ ווײַסינקן טישטעכל, אַרויסגענומען עסנוואַרג און האָבן זיך פֿעסט גענומען פֿאַר דער אַרבעט. ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן זײַנען דאָס געווען צוויי קאָמיוואָיאַזשאָרן פֿון גאַלאַנטערײַ-סחורות.

צוליב זיכערקייט װעגן האָב איך אַרױסגענומען מײן סידער און האָב זיך געזעצט זאָגן טילים. איך קוק אַף קײנעם ניט און זאָג זיך מיט האַסטיקע אײן פּסוק נאָך דעם אַנדערן, צעשאָקלענדיק זיך דערבײ.

אײנער פון די װאַיאַזשאָרן, אַ מער הױכגעשטיבענער, מיט אַ װײנק צו זײן קאָלעגע און װײזט אָן אַף מיר.

— װאָס זאָגסטו אָפּן יאָלד? עפּעס אַ פּױלישער כניאַק.

ער דערצײלט דערבײ אַ גאַנצע רײ װיצן װי אַ װאַיאַזשאָר קען. די עלטערע ײדן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, װאָס זײ לאַכן פון אַזאַ שטיל און פרום ײנגעלע, װי איך בין. דער גרױסער ײד האָט מיך באַזונדערס מעקאַרעװ געװען. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פון זײן טאָרט, װאָס ער האָט מיטגענומען אין װעג. בײם טײ האָט זײ געבראַכט טײ, האָט ער מיר אױך געגעבן אַ גלאָז טײ מיט װאַרעניע.

פאַרגעשטעלט האָט ער זיך, אַז איך בין אַן אָרעם ײנגל, אַ יאָסעם. איך האָב אים אין די קורצע פראַגן־ענטפערן, װאָס זײנען פאָרגעקומען צװישן אונדז, זײן פאַרשטעלונג ניט צעשטערט. איך האָב דעריבער גענומען אַלע גוטע זאַכן, װאָס ער האָט מיר געגעבן.

דאָס האָט נאָך מער געדרײצט די װאַיאַזשאָרן און זײ האָבן גענומען לאַכן פון מיר. אײנער פון די עלטערע ײדן מיט דער גרױסער באָרד האָט געזאָגט צו זײן שכן, אַז די װאַיאַזשאָרן זאָלן הערן.

— אָט דערפאַר זײנען מיר אין גאָלעס: אַ גױ װעט ניט אָפּלאַכן פון אַ ײדן, װי אָט די איבערע־ישראַעל *.

דער װאַיאַזשאָר איז ניט שטיל געװאָרן און, װי אַף צעלאָכעס די אַלטע, האָט ער זיך געװענדעט צו מיר.

* איבערע-ישראעל — פעלשער אין יידן, מעשומאדים-אפיקארסים,

— ייִנגעלע, וועמעס טאַטע ביסטו? באַסער־קוויטש עסטו?

— דער אַלטער האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט זיך שטאַרק צעוויינט מיט די וואָיאָושאַרן.

מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס זיי קריגן זיך איבער מיר. עס האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן, נאָר איך האָב זיך שטאַרק איינגעהאַלטן, פאַרביסן זיך נאָך מער אין טוליפ. נאָר, אַז עס פלעגט שוין ווערן אומגליקלעך אייגנטליך האַלטן זיך, פלעג איך צודעקן דאָס פּנים מיטן טוליפ און פלעג זיך שטילערהייט אויסלאַכן. באַזונדערס איז מיר געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס זיי ווייסן ביידע ניט וועגן וועמען זיי רייכן. איך האָב זיך מיר פאַרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געוואָרן בײַ דעם אַלטן ייִדן, וואָס האָט מיך באַזונדערס פאַרטיידיקט און האָט מיך זייער וואַרעם אָפּגענומען, ווען עס וואָלטן אָנגעקומען ושאַנדאַרן, וואָלטן מיך אַרומגערינגלט, און אינמיטן דערינען געפונען פּראָקלאַמאַציעס... איך האָב זיך אויך פאַרגעשטעלט, ווי וואָלט דער זעלבער אַלטער אויסגעזען אין די אויגן פון דעם וואָיאָושאַר, וואָס האָט אים באַזונדערס אַטאַקירט מיט זיינע וואָיאָושאַרישע ווערטער.

3

אָנדלער וויינען מיר צוגעפאָרן צו דווינסק. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז דער לעצטער מאָמענט. אויב איך וועל בעשטאַלעם אַריבערגיין די גאַס און וועל אַריין אין האָטעל, איז די גרעסטע געפאַר אַריבער. איך בין זייער פאָרזיכטיק אַרויס פון וואַגאָן, האָב זיך שטאַרק אַרומגעקוקט, צי איז דאָ עמעצער ניטאָ פון די פאַרדעכטיקע פּערזאָנען, איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּלעך.

מיט אַמאָל האָט געפּלאַצט אַ שטריקל, מיטן וועלכן איך האָב אַרומגעבונדן אַרום זיך די פּראָקלאַמאַציעס. איך האָב זיך געכאַפּט פאַרן בויך, ווי עס וואָלט מיך געכאַפּט קראַמפּן, איך בין קריכנדיק אַרויס פון וואָקזאַל. אַ טרעגער האָט בײַ מיר צוגענומען דאָס קערבל און איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים צוהינקענדיק אַף איין פוס. איך בין פאַרפאָרן אין אַ האָטעל.

געעפנט האָט מיר אַן עלטערער פאַרשלאָפענער ייִד אין אונטערשטע וועש. אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער. ער האָט מיר געעפנט אַ טיר פון אַ נומער און איך בין אַרײַן אין צימער. אַז איך בין געבליבן איינער אַליין, האָב איך זיך ערשט דערפילט וויק. איך האָב זיך גלייך אויסגעטאָן, האָב אָפּגעבונדן די בלעטלעך, האָב זיי מיט אַ באַזונדער ליבע אויסגעגלעט, אין אַ פּאַפּיר פאַרבונדן און אונטערגערוקט זיי אונטער דער בעט. איצט אַפילו, אַז עס וועלן קומען זשאַנדאַרן, האָב איך אַ טערעץ — ווער קען וויסן, ווער עס האָט זיי דאָ אַוועקגעלייגט.

איך האָב שוין דורכגעפירט מײַן אַרבעט! אָט אַ געלעכטער! וואָס זשאַנדאַרמען, ווער זשאַנדאַרמען!

און געחלומט האָט זיך מיר, אַז איך האָב פאַר זיי גאָר קיינמאָל ניט מורא געהאַט, אַז איך האָב זיי אַלעמאָל געהערט ווי דעם קאַטער.

—

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך קום־צוריק און גיב אָפּ אַ באַריכט פון מײַן רייזע: אַ גליקלעכער, אָבער אַן ערנסטער שטיי איך פאַרן „מיטגליד פון צעקאַ" און רויק, זאַכלעך דערצייל איך אים די געשיכטע פון מײַן רייזע. איך גיב אים איבער דעם „צושטאַנד פון דער הוינסקער אָרגאַניזאַציע". ער הערט מיך אויס און רעדט מיט מיר ווי מיט אַ גלײַכן, ווי מיט אַ מענטשן, וואָס האָט גלענצנד דורכגעפירט אַ קאָנספּיראַטיווע שליכעס. און שפּעטער וועט

אין אונדזער אומלעגאַלער „בראַניק" זיין געדרוקט אַ קאָ־רעספּאָנדענץ, וווּ עס וועט דערמאָנט ווערן, אַז אַבגעם אַ באַוווער האָט זיך איינגעגעבן דורכצופֿירן פּראָקלאַמאַציעס אין הווינסק, און דער באַוווער וועט זיין איך, איך... און מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אין דער קאָמישער מיסע אין וואַגאָן, ווי דער וואַיאַזשאָר האָט מיך אָנגענומען פֿאַר עפּעס אַ יאָלד. איך דערמאָן זיך אָן די מיסעס, וואָס ער האָט דערציילט און עס כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער.

אָט אַזוי ליגנדיק בין איך איינגעשלאָפֿן.

נאָר אין שלאָף האָב איך דערפֿילט, אַז די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן און עמעצער איז אַריין אין צימער. איך האָב די אויגן אָן עפֿן געטאָן. — און ווי עמעצער וואָלט מיך אַ שטופּ געטאָן, האָב איך זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט.

אין דער טונקעלער גרויקייט פֿון צימער, האָב איך נעבן מיר באַמערקט אַ טונקל־הויכע פֿיגור און אין די אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן צוויי רייזן מעשענע קנעפּ. דאָס בלוט האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: „וואָס בין איך געווען אַזוי פֿרייליך? איך האָב געמיינט, אַז אַזוי גלאַט קומט אָן דורכצופֿירן פּראָקלאַמאַציעס? ניין, ברודערקע"... און גלייך איז מיר אין מייען, ווי אַ בליץ, דורכגעפֿלויגן אַ כשאַד אַף דעם וואַיאַזשאָרל, וואָס האָט פֿון מיר געלאַכט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בײַם איך בין געגאַנגען פֿון וואַקזאַל, און האָב זיך, קלוימערשט, געהאַלטן פֿאַרן בויך, האָט ער פֿון מיר מאָדנע געלאַכט, האָט זיך פֿאַרדעכטיק געווינצלט און האָט אַליין געוואָלט אַ טאַפּ טאָן מיך פֿאַרן בויך. אָט די שפּיקעס וויסן שוין ווי אַריינצונעמען זייער קאָרבן, ביפֿראַט נאָך אַזאַ יונגען בעזודע־מאָן, ווי איך. ער האָט זיך מיט מיר צוזאַמען אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, איז מיט געפֿאָרן און דאָ וועט ער מיך בליסאַפּעק אַרעסטירן. אָט דאָס אַליין איז דורכגעפֿלויגן מיר אין מייען אין איין סעקונדע.

איך האָב זיך געווענדעט צו דער פיגור:
וואָס האָט איר געדאַרפט?
— דער מענטש האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און אַ דריי געטאָן מיט די רעכטע וואַנג.

דאָס איז מיר נאָך פאַרדעכטיקער געוואָרן. וואָס שווייגט ער? ניין, דאָס טויג ניט, מען מוז אַרבעטן ענערגישער און פלינקער. מען מוז זען דורך אים גופא ראַטעווען זיך, מען מוז אים עפּעס געבן...

— באַרין, — האָט דער מענטש שטיל אַרויסגעזאָגט.

— וואָס, וואָס דאַרפט איר?

— פּאַשפּאָרט.

איך בין פאַרפאַלן. וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו רעדן. עס דוכט זיך מיר גאָר, אַז איך האָב פאַרגעסן דעם פּאַס אינדערהיים. איך האָב איבערגעטאָן קאָסטיומען, געדאַרפט זיך דאָך מאַכן אומבאַמערקט, באַ־באַ־באַ, אומבאַמערקט, פאַר די שפּיקעס אומבאַמערקט... געדאַרפט נאָך אַ בערדל אָנטאָן, ס'האָט זיך דאָך מיר ווייער געוואָלט אַ בערדל...

מיטאַמאָל האָב איך זיך דערזען מאָרגנע קליין און יינגלש אין מיינע אייגענע אויגן. מען מוז זיך דאָך מער ערנסט באַציען צו אַזעלכע וויכטיקע פּאַרטיי־שלי־כעס, מען קען דאָך ניט טראַכטן נאָר וועגן זיך אין אַזעלכע מאָמענטן. איך דערמאָן זיך גליך, ווי דער „מיט־גליד פון צעקאַ" האָט מיר געזאָגט: „אויב איר וועט דורכ־פאַלן, קענט איר באַקומען קאַטאָרגע, און מיר וועלן מוזן בייטן די דרעס". איך האָב פעסט און זיכער נאָך אַמאָל אַ פּרוּו געטאָן דעם מענטשן מיט די מעשענע קנעפּ.

— וואָס דאַרפט איר?

— אייערע פּאַפּירן. באַ אונדז טאָר מען ניט לאָזן קיינעם איבערנעכטיקן, ניט־פּאַרעגיסטרירטע און אַדרעס־ביך פון פּאָליציי...

— און דערצו האט מען געדארפט וועקן מיך פון שלאף? שוין די דריטע נאכט, אז איך שלאף ניט, איך בין אליין אין וועג, און טאמער האב איך היינטיקע נאכט די מעגלעכקייט צו שלאפן א פאר שעה, לאזט מען ניט. פאפירן דארף ער — קיינע פאפירן וועל איך ניט געבן. אין צוויי שעה ארום פאר איך אוועק.

— אנטשולדיקט, בארין... איך... איך וואלט... פארשטייט איר מיך... וואס איז מיר... נאר פאליציי, איר פארשטייט.

— וועלכע פאליציי? — דא איז דא פאליציי? זאל זי ארייגגיין אהערצו וועל איך איר געבן דעם פאס מיינעם.

— ניין, בארין, דא איז קיין פאליציי ניטא. וואס זאל זי דא טאן? אין אונדזער האטעל שטייען ניט איין קיין אומליטן, כאלילע... אהא, אונדזער האטעל...

ליט זיין־ארט רייזן האב איז זיך איבערצייגט, אז ער ליינט ניט, אז קיין פאליציי איז דא ניטא. אז ער איז פאשעט געקומען נאכן פאס. איין סעקונדע איז מיר נאך איינגעפאלן א כשפה, עפשער איז ער אויך א שפיק, עפשער איז ער אויך איינער פון יענע, וואס דינען דא אין האטעל לעפאגעס וועגן, נאר איך האב באלד זיך געשטארקט.

איך האב שוין מיט מיין לאקיי גערעדט געלאסענער. איך האב אים געזאגט, אז אין א פאר שעה ארום וועל איך אלציינס אוועקגיין און פארלאזן איינגאנצן דעם צימער. איך פאר צו א שוועסטער, און וויל עס איז געווען שפעט באנאכט, האב איך ניט געוואלט קלאפן צו איר, בין איך פארפארן אהער. אויב ער וויל, קען ער קריגן דעם פאס, נאר מיר ווילט זיך ניט האבן קיין איסעק מיט אים, ווייל איך מוז דעם פאס אין א פאר שעה ארום האבן צוריק.

— דער לאקיי האט זיך זייער אנטשולדיקט, וואס ער האט מיך באאומרויקט. ער האט מיך געבעטן גלויבן אים זיין ערנ=

וואָרט, אַז ווען ניט דער באַלעבאָס, וואָס לאָזט אים ניט אַרו, וואָלט ער דעם באַרין נאַטירלעך ניט באַאומרויקט, נאָר מע איז, פאַרשטייט איר דאָך, בײַ יענעם...

אַז דער לאַקיי איז אַרויס און בײַ מיר אין צימער איז שטיל געוואָרן, האָב איך זיך נאָך עטלעכע מינוט צוגעהערט צו דעם, וואָס קומט פאָר אין קאָרידאָר. צי שושקעט ער זיך ניט שטילערהייט מיט אַן'עקאָלאָדאַטשניק, אָדער אַ זשאַנדאַרם. אין קאָרידאָר איז געווען רויק און שטיל.

ערשט איצט האָב איך זיך גענומען פאַר זיך אַליין. איך האָב אין בעט ליגנדיק, זיך אַליין אויפן קאָל געזידלט, פאַר־וואָס בין איך אַזוי פאַבן, פאַרוואָס האָב איך געציטערט אין וואַגאָן... דורך דעם ציטערן אַליין קען מען גיכער דורכ־פאַלן: קיינער איז מיר ניט נאָכגעגאַנגען, קיינער האָט מיך ניט געזוכט...

אינדערפרי האָב איך גענומען גאַנץ קאַלטבלוטיק דאָס פּעקעלע פּראָקלאַמאַציעס און האָב אַריבערגעטראָגן צו מיין שוועסטער. פון דאָרט בין איך אַוועק לויט דעם אָנגעווי־זענעם אַדרעס צו איינעם אַן אָנגעשטעלטן אין אַ מאַנופאַק־טור־געשעפט, האָב אים איבערגעגעבן, אַז „איך האָב אַבי[illegible] סבוירע צו פאַרקויפן, אַז איך וואָלט וועלן, ער זאָל צו מיר אַריינגיין אין נבטער". און האָב אים אויף אַ שטיקל פּאַפּיר איבערגעגעבן דעם אַדרעס און די שעה, וועלכע איך וועל זיין אינדערהיים.

דער אָנגעשטעלטער האָט אַ שמייכל געטאָן און גע־פרעגט:

— איך האָט געשיקט דער פעטער?

— די באָבע האָב איך אים געענטפערט געהיים.

אין אַ פאַר שעה אַרום האָט מען בײַ מיר אַלץ צוגענומען און איך בין געווען אינגאַנצן אַ ריינער.

צוריק פאַרטדיק האָב איך שוין ניט באַהאַלטן זיך, נאָר, פאַרקערט, איך האָב זיך מאַכנע האָזעדיק געדרייט פאַר די אויגן פון זשאַנדאַרם, ער זאָל באַ מיר פרעגן אַ פּאַס, ער־זאָל באַ מיר מאַכן אַן אונטערזוכונג.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך זאָבלעך, ווי אַ גרויסער, אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער רייזע. איך האָב זיך פּאַשעט געשעמט צו דערציילן פון מיין מורע און שרעק, פון די כשאָדים און פּאַרזאָבטן, וואָס איך האָב געהאַט...

מיינע כאַווירים האָב איך אויך שפּעטער ניט דערציילט וועגן דער נעסיע, וואָס איך האָב געהאַט אין דווינסק. נאָר ניט איינמאָל, ווען דער כוישעך פון אַנטפּלעקן דעם סאָד איז געווען זייער גרויס, האָב איך זיי דערציילט אַ פאַנטאַסטישע מייסע וועגן דעם, ווי אַזוי „מיינער אַ באַקאַנטער" האָט איבערגעפירט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער פּראָקלאַמאַציעס און דערביי האָט ער געהאַט גיט קיין געוויינטלעכע באַגעגענישן, קלוימערשט, מיט זשאַנדאַרמען, מיט שפּיקעס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט. דעם „מיינער אַ באַקאַנטער" האָב איך געמיינט זיך אַליין...

אָט אַזוי האָט געאַרבעט די קינדערשע פאַנטאַזיע...

Цена 25 коп.
х. д.

פרייז 25 קאפ.

На еврейском языке

Б. ОРШАНСКИЙ

В подполье

Рассказы для детей

ЦЕНТРИЗДАТ
НАРОДОВ СССР

Москва, центр,
Никольская, 10